# אַלגעמײנע ענציקלאָפּעדיע

## פּראָבּעהעפט

דובּנאָװ-פאָנד, בּערלין 1932

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14976

# ALGEMEYNE ENTSIKLOPEDYE: PROBEHEFT

*Permanent preservation of this book was made possible by Ralph E. Gorin*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# אַ ל ג ע מ ײ נ ע
# ענציקלאָפּעדיע

פּראָבעהעפט

דובנאָוו-פאָנד, בערלין 1932

Copyright by Dubnow-Fonds, Berlin 1932
דרוקעריי לוטצע און פאָגט ג.מ.ב.ה. בערלין, פרידריכשטראַסע 16

שער־בלאַט געצייכנט — פּ. באַרוך

# אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע

מיר לייענען אין אַ צײַטונג וועגן אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן׳ וואָס די וועלט קאָכט מיט זיי׳ וועגן דעם קאָנפליקט צווישן כינע און יאַפּאַן׳ וועגן קאַמף אין אינדיע׳ וועגן וואַלן אין דײַטשלאַנד אָדער פראַנקרײַך— און מיר ווילן באַקומען גענויערע אינפאָרמאַציעס וועגן די דאָזיקע לענדער׳ וועגן זייער אַלגעמיינעם מצב און פּאָליטישער אָרדענונג; מיר הערן אין ראַדיאָ אַ פּאָרטראַג וועגן רעפּאַראַציעס׳ אינטערנאַציאָנאַלע חובות אָדער אַנטוואָפענונגס־קאָנפערענץ – און אונז פעלן די נויטיקע ידיעות וועגן די פראַגעס; מיר האָבן אויסגעהערט אַ לעקציע וועגן קריזיס׳ אַרבעטלאָזיקייט אָדער וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד – און מיר ווילן דערגיין גענויערע ציפערן און פאַקטן· מיר זײַנען געווען אויף אַ דיסקוסיע וועגן ציוניזם און אונז ווילט זיך באַקומען אויספירלעכע ידיעות וועגן פּאַלעסטינע און דער יידישער עמיגראַציע; מיר באַזוכן אַ טעאַטער׳ אַ בילדער־גאַלעריי׳ מיר לייענען אַ נײַעם ראָמאַן – און מיר ווילן זיך אינפאָרמירן וועגן די קינסטלער און דיכטער׳ וועמעס ווערק האָבן אויף אונז געמאַכט אַ רושם׳ וועגן די פאַרשיידענע ריכטונגען אין דיכטונג און קונסט; דאָס קינד קומט פון שול און שטעלט אונז אַ פראַגע פון געשיכטע אָדער געאָגראַפיע – און מיר קענען ניט געבן קיין גענויעם ענטפער; אונז האָט פאַראינטערעסירט אַ מעדיצינישע אַנטדעקונג אָדער טעכנישע ערפינדונג׳ וואָס מיר האָבן וועגן דעם אַ קנאַפּן באַגריף; מיר געפינען אין אַ בוך אַ פרעמדוואָרט אָדער אַ העברעיש וואָרט אָדער אַ נאָמען׳ וואָס איז אונז ניט באַקאַנט; מיר ווילן שרײַבן אַן אַרטיקל׳ האַלטן אַ פּאָרטראַג׳ נעמען אַ וואָרט אין אַ דעבאַטע – און אונז פעלן אויס די נויטיקע פאַקטן אָדער סטאַטיסטישע דאַטן· –

ווו קענען מיר געפינען די נויטיקע אינפאָרמאַציעס׳ די שטרענג קאָנטראָלירטע ידיעות׳ דערקלערונגען׳ פאַרטײַטשונגען׳ פאַקטן׳ ציפערן?

אויב אפילו מיר באַהערשן איינע פון די רײַכע פרעמדע שפּראַכן׳ וואָס פאַרמאָגן אַ גרויסע ליטעראַטור אויף אַלע געביטן פון וויסן׳ און אין אונזער שטאָט איז דאָ אַ גוטע ביבליאָטעק – איז נאָך דערמיט אַליין די פראַגע ניט געלייזט· וויפיל מענטשן האָבן עס בײַם רעשדיקן טעמפּ פון אונזער לעבן׳ בײַם שווערן קאַמף פאַר עקסיסטענץ די פרײַע צײַט׳ די מעגלעכקייט און דעם חשק אַוועקצוזעצן זיך אויף שעהנלאַנג אין ביבליאָטעק און פאַרטיפן זיך אין ספּעציעלע ביכער וועגן די פראַגעס׳ וואָס פאַרנעמען אונז? און ווען אפילו מיר האָבן אין דער היים בײַ זיך אַן אַלמער מיט ספּעציעלער ליטעראַטור – זײַנען מיר אויך ניט שטענדיק ביכולת אָפּצוזוכן אין נויטיקן מאָמענט די ריכטיקע אויפקלערונג·

אַנדערש איז׳ ווען מיר האָבן אַ גוטע וויסנשאַפטלעכע

## ענציקלאָפעדיע·

אַן ענציקלאָפּעדיע קען יעדער דורכשניטלעכער מענטש האָבן בײַ זיך אין שטוב· אין אַן ענציקלאָפּעדיע קענען מיר גלײַך געפינען אַ קורצן אָבער אויסשעפּנדיקן ענטפער אויף יעדער פראַגע׳ פון פאַרצײַטיקער געשיכטע פון דער ערד ביז צו דעם לעצטן וואָרט פון מאָדערנער טעכניק; פון אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק ביז צו דער נײַסטער פּאָליטיק און ליטעראַטור· אַן ענציקלאָפּעדיע׳ אויב זי איז וויסנשאַפטלעך ערנסט׳ גיט אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם אַלזײַטיקע און אָביעקטיווע אינפאָרמאַציע אַזוי׳ אַז מען באַקומט אַן איבערבליק איבער אַלע מיינונגען׳ טעאָריעס און ריכטונגען׳ וואָס זײַנען פאַראַן אין דער וויסנשאַפט וועגן דער דאָזיקער פראַגע· אַ גוטע ענציקלאָפּעדיע האָט אָבער נאָך אַ וויכטיקע מעלה: פאַר דעם לייענער׳ וואָס וויל זיך פאַרטיפן מער אין אַ געוויסן ענין׳ ווײַזט זי אָן די ליטעראַטור פון דעם געביט׳ די גענויע נעמען פון יענע ספּעציעלע הויפּטווערק׳ וואָס באַהאַנדלען די פראַגע אויספירלעך·

דער ווערט פון אַן אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע ווערט נאָך פיל גרעסער פאַר יענעם יידישן לייענער׳ וואָס באַהערשט ניט קיין פרעמדע שפּראַכן׳ וואָס לעבט זיך אויס קולטורעל בלויז אין יידיש· אים קענען ווייניק

העלפן די גרויסע ביבליאָטעקן, אויב ער זאָל אפילו ווערן זיי באַנוצן; פאַר אים עקסיסטירט ניט יענע ספּעציעלע ליטעראַטור, וואָס פאַרזאָרגט דעם לייענער פון די אומות העולם מיט צענדליקער און הונדערטער ווערק אויף יעדן געביט פון וויסן. פאַר אָט דעם יידישן לייענער, וואָס נעמט אַרום אין אייראָפּע און אַמעריקע גאַנץ ברייטע שיכטן, איז אַן אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אין יידיש ניט נאָר דער בעסטער און קירצעסטער, נאָר פשוט דער

## איינציקער וועג

צו פאַרגרעסערן זײַן סכום וויסן, צו פאַרפולקומען די בילדונג, צו באַקומען וויסנשאַפטלעכע אינפאָרמאַציע.

אַזאַ ענציקלאָפּעדיע האָט ביז איצט געפעלט אין דער יידישער ליטעראַטור, הגם עס פילט זיך שוין אַ לענגערע צײַט, ווי ווײַט מיר נויטיקן זיך אין איר. אונזער געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַנטוויקלונג פאַר דער לעצטער תקופה האָט ניט נאָר אויפגעאַקערט דעם באָדן און צײַטיק געמאַכט די באַדערפעניש, נאָר אויך צוגעגרייט די מעגלעכקייט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אַזאַ גרויסער קולטור־אונטערנעמונג: ס'איז אויסגעוואַקסן אַ מחנה יידישע שרײַבער און געלערנטע, וואָס אַרבעטן אויף די פאַרשיידענע געביטן פון ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט און פובליציסטיק, וואָס בויען דעם גרויסן בנין פון דער מאָדערנער קולטור אויף יידיש. עס ווערט איצט דעריבער געמאַכט דער ערנסטער פּרווו דעם דאָזיקן בלויז אויסצופילן — אַרויסצוגעבן

## אַן אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אין יידיש,

די ערשטע ענציקלאָפּעדיע פון דעם מין.

די אונטערנעמונג ווערט אָרגאַניזירט ניט פון אַ פּריוואַטן פאַרלאַג, ניט פון אַ פּריוואַטער גרופּע מענטשן, נאָר פון אַ יידישער געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע — דעם קאָמיטעט פון „דובנאָוו־פאָנד" (פאָרזיצער — ד"ר ל. בראַמסאָן, סעקרעטאַר — א. קיהן). דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט זיך געבילדעט העכער אַ יאָר צוריק אין בערלין צו ערן דעם 70־יאָריקן יובל פון דעם גרויסן יידישן געלערנטן שמעון דובנאָוו, וואָס האָט זײַן גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דער פאָרשונג פון דער יידישער געשיכטע און קולטור. דעם קאָמיטעט, וואָס באַשטייט פון שרײַבער און געזעלשאַפטלעכע טוער פון פאַרשיידענע דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע ריכטונגען, האָט זיך פאַר דער צײַט אײַנגעגעבן צוציען צו דער מיטאַרבעט אַלס אויטאָרן און רעדאַקטאָרן בײַ 100 יידישע וויסנשאַפטלער און שרײַבער, וועמעס פאָרלויפיקע רשימה ווערט דאָ געגעבן.

אַדאַנק דער מסירת־נפשדיקער מיטאַרבעט פון דעם פאַרשטאָרבענעם ד"ר נ. גערגעל האָט זיך דעם קאָמיטעט אײַנגעגעבן דורכצופירן אַ וויכטיקן טייל פון דער צוגרייט־אַרבעט פאַר דער ענציקלאָפּעדיע.

אויף צוויי באַראַטונגען, וואָס אין זיי האָבן זיך באַטייליקט פאַרטרעטער פון „דובנאָוו־פאָנד", פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ) און אַנדערע שרײַבער און געזעלשאַפטלעכע טוער, איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גענויער פּלאַן פון דער ענציקלאָפּעדיע און פון דער צוגרייט־אַרבעט. לויט דעם פּלאַן דאַרף די ענציקלאָפּעדיע אַרײַננעמען

## אַלע צווײַגן פון וויסנשאַפט,

דערבײַ ווערט אָפּגעגעבן אַ באַדײַטנדיקער פּלאַץ פאַרן

## יידישן לעבן און שאַפן אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער געגנוואַרט.

אויך אַלגעמיינע פּראָבלעמעס פון דער נײַער צײַט, סאָציאַלע,ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע, וועלן פאַרנעמען גאָר אַ גרויסן אָרט. די באַאַרבעטונג פון מאַטעריאַל וועט זיך געפינען אויף אַ געהעריקער הייך און זײַן אין דער זעלבער צײַט צוגעפּאַסט פאַרן ברייטן לייענער־עולם.

די גאַנצע ענציקלאָפּעדיע וועט פאַרנעמען 10 בענד גרויסן פאָרמאַט, אינאיינעם אַן ערך 5000 טאָפּלט־שפּאַלטיקע זײַטן, 25 מיליאָן אותיות, עטלעכע טויזנט צייכענונגען, דיאַגראַמעס, אילוסטראַציעס, געאָגראַפישע קאַרטעס, קינסטלערישע בילדער, שוואַרצע און פאַרביקע. בײַ 40.000 זוכווערטער — אַרטיקלען, גרעסערע און קלענערע, ביאָגראַפיעס, נאָטיצן, קורצע אינפאָרמאַציעס, פאַרטײַטשונגען — וועלן פאַרבײַטן דעם יידישן לייענער אַ ביבליאָטעק.

מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע; פילאָסאָפיע און פּסיכאָלאָגיע; פיזיק, כעמיע און טעכניק; נאַטורוויסנשאַפט און מעדיצין; היגיענע און ספּאָרט; סאָציאָלאָגיע און אַנטראָפּאָלאָגיע; עטנאָגראַפיע און געאָגראַפיע; פּאָליטישע עקאָנאָמיע און סטאַטיסטיק; געשיכטע און ליטעראַטור; יורידישע און מלוכה־וויסנשאַפט; קולטור־באַוועגונגען און פּעדאַגאָגיק; קונסט: מוזיק, טעאַטער, מאָלערײַ און סקולפּטור; פּאָליטיק, סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און געזעל־שאַפטלעכע באַוועגונגען — אַלע געביטן פון מאָדערנעם מענטשלעכן שאַפן וועלן זײַן פאַרטראָטן אין אונזער ענציקלאָפּעדיע. אויף אַלע זײַנע פראַגעס וועט דער לייענער געפינען אַן ענטפער. יעדע נויטיקע אינפאָרמאַציע וועט ער דאָרט געפינען.

אויב אָבער אין די אַלגעמיינע וויסנשאַפטן וועט זיך די ענציקלאָפּעדיע מוזן באַשרענקען מיט אַ קאָנצענטרירטער צוזאַמענפאַסונג פון די דערגרייכטע רעזולטאַטן, וואָס זיינען אין די אַנדערע שפּראַכן שוין פאַרעפנטלעכט, וועט זי אויף דעם געביט פון יידישער פאַרגאַנגענהייט און באַזונדערס געגנוואַרט שטרעבן צו ברענגען נייַע מאַטעריאַלן, אונטערצופירן אַ סך־הכל פון די נייַסטע פאָרשונגען און דערגרייכונגען. אין דער ענציקלאָפּעדיע, ספּעציעל

## אין אַ באַזונדערן באַנד „יידן“,

וועט דער יידישער לייענער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט דער מאָדערנער אויפפאַסונג פון דער יידישער געשיכטע, מיט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן אין פאַרשיידענע לענדער, מיט די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, מיט די ליטעראַרישע און קולטורעלע שאַפונגען פון די יידישע מאַסן, צום ערשטן מאָל געפינען אַ סיסטעמאַטישן מאַטעריאַל און אַ וויסנשאַפטלעכע באַלויכטונג פון די אַלע פראַגעס. פון די נביאים ביז די תנאִים און גאונים; פון רמ״בם און בע״שט ביז הערצל און מעדעם; פון אליה בחור ביז פּרץ, אַש און אַנדערע; פון דעם קאַמף צווישן די בעלי־מלאכות און די פרנסים אין דעם אַמאָליקן קהל ביז דעם אויפקום פון מאָדערנע קלאַסן און מאָדערנעם קלאַסנקאַמף — דאָס איז דער פאַרנעם פון דער ענציקלאָפּעדיע אינם יידישן אָפּטייל.

* * *

מיר האָבן דעם קלאָרן באַוווסטזייַן וועגן דער אויסשליסלעכער וויכטיקייט פון דער אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן צו פאַרווירקלעכן, און וועגן דער שווערער אחריות, וואָס דאָס לייגט אויף אונז אַרויף. מיר וועלן אַלע כוחות אָנווענדן, כדי אַוועקצושטעלן אונזער ענציקלאָפּעדיע אויף אַזאַ הייך, ווי די בעסטע אייראָפּעישע און אַמעריקאַנישע ענציקלאָפּעדיעס פון דעם זעלביקן פאָרמאַט, און מיר ווענדן זיך צו דער יידישער געזעלשאַפט, צו אַלע יענע קרייַזן, וועמען די אינטערעסן פון יידישער מאַסן־קולטור זייַנען נאָענט און טייַער, זיי זאָלן זיך אַקטיוו באַטייליקן אין אָט דעם גרויסן און וויכטיקן קולטור־אויפטו. קיינער זאָל זיך ניט אָפּזאָגן צו העלפן אונז אין דער שווערער אויפגאַבע; יעדער, נאָך זייַנע כוחות און מעגלעכקייטן, זאָל טראָגן ציגל פאַר דעם גרויסן בנין.

בערלין, אַפּריל 1932.

צענטראַל־קאָמיטעט פון „דובנאָוו־פאָנד“

* * *

דאָס פּראָבע־העפט דאַרף געבן די צוקונפטיקע אַבאָנענטן און לייענער אַ קאָנקרעטע פאָרשטעלונג וועגן דער ענציקלאָפּעדיע. לויט דעם מוסטער וועט באַאַרבעט ווערן דער מאַטעריאַל אויף די סאַמע פאַרשיידענע געביטן פון אַלגעמיינעם און יידישן וויסן. אַזאַ פאָרמאַט וועט האָבן די ענציקלאָפּעדיע און אַזוי וועלן אויסזען די דיאַגראַמעס, צייכענונגען און בילדער.

מער ווי 30 מחברים, וועמעס נעמען זייַנען גוט באַקאַנט דעם יידישן לייענער, האָבן זיך באַטייליקט אין דעם פּראָבע־העפט; עס איז רעדאַקטירט געוואָרן פון דער „קאָמיסיע פאַר רעדאַקציע־ענינים“, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פונם „דובנאָוו־פאָנד“ אויף אָנצופירן מיט דער גאַנצער צוגרייט־אַרבעט און באַשטייט פון ר. אַבראַמאָוויטש, בן־אדיר, ד״ר מ. ווישניצער, א. טשעריקאָווער און יעקב לעשצינסקי.

אַלס רעדאַקטאָרן פון איינצלנע אָפּטיילן פון דער ענציקלאָפּעדיע האָבן שוין געגעבן זייער הסכם מיטצואַרבעטן:

ר. אַבראַמאָוויטש, בן־אדיר, ד״ר י. ברוצקוס, ס. דובנאָוו־ערליך, פּראָפ׳ ל. הערש, ד״ר מ. ווײַנרייך, ד״ר מ. ווישניצער, רחל ווישניצער־בערנשטיין, ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, א. טשעריקאָווער, י. יאַשונסקי, יעקב לעשצינסקי, א. מענעס, ד״ר י. א. מעריסאָן, ח. ש. קאַזשדאַן, ד״ר א. קאָראַלניק, ז. קלמנאָוויטש, ז. רייזען, ד״ר צ. שאַבאַד, ד״ר א. שטיינבערג, ד״ר י. שיפּער.

ערן־פּאָרזיצער פון רעדאַקציע־קאָלעגיע — שמעון דובנאָוו.

אַלס מיטאַרבעטער זייַנען ביז איצט אייַנגעלאַדן געוואָרן:

ד. איינהאָרן, ד״ר א. אָלשוואַנגער, ג. אַראָנסאָן, פּראָפ׳ מ. באַלאַבאַן, ש. באָסטאָמסקי, ד״ר ה. באָראָדיאַנסקי, ד״ר ר. בעקער, עדואַרד בערנשטיין, ד״ר ל. בראַמסאָן, פּראָפ׳ ב. ברוצקוס, א. גאָלאָמב, בן־ציון גאָלדבערג, פּראָפ׳ ש. גאָלדעלמאַן, ד״ר מ. גאַסטער, ד״ר י. גינזבורג, שאול גינזבורג, ד״ר נ. מ. געלבער, א. דיזשור, פּ. האַלפּערין, ד״ר אַ. האַרקאַווי, וול. וואָיטינסקי, ב. וולאַדעק, פּ. ווערניק, ד״ר מ. זילבערפאַרב.

ד״ר ר׳ זעליגמאַן, זרבבל׳ ש׳ זשיטלאָווסקי׳ ד׳ טשאַרני׳ מ׳ יאַרבלום׳ ה׳ כאַצקעלס׳ י׳ ל׳ כּהן, ד״ר מ׳ כמעלניצקי׳ ד״ר אַ׳ לאַנדוי׳ ד״ר ה׳ לאַנדוי׳ וו׳ לאַצקי־בערטאָלדי׳ ב׳ לאָקער׳ א׳ ליטוואַק, א׳ ליעסין, י׳ לעפּטוויטש׳ ל׳ לערער׳ יוסף לעשצינסקי׳ ד״ר ר׳ מאַהלער׳ ד׳ מאָוושאָוויטש׳ ש׳ מאַרגאָשעס׳ י׳ מאַרק׳ ד״ר א׳ מוקדוני׳ נ׳ מייזיל׳ ש׳ מענדלסאָן, וו׳ נאַטאַנסאָן, ש׳ ניגער׳ ג׳ סוועט׳ ר׳ סימכאָוויטש׳ ד״ר א׳ סינגאַלאָווסקי׳ ד״ר י׳ סעגאַל׳ ה׳ ערליך, ד״ר ס׳ פּאָזנער׳ נ׳ פּרילוצקי׳ ד״ר ק׳ פּאָרנבערג׳ ד״ר ה׳ פראַנק׳ צביון, אַבֿ׳ קאַהאַן, קאַרל קאַוטסקי׳ פּראָפ׳ ד׳ קאָיגען, וו׳ קאָסאָווסקי׳ י׳ קאָראַלניק׳ פּ׳ קורסקי׳ י׳ קלינאָוו׳ מ׳ קראָל׳ ד״ר א׳ א׳ ראָבאַק׳ ה׳ ראָגאָף׳ ז׳ רובאַשאָוו׳ ד״ר י׳ רובין, ד״ר ע׳ רינגעלבלום׳ א׳ ריינוויין, א׳ רעוווצקי׳ מ׳ שאַליט׳ ד״ר י׳ שאַצקי׳ פּראָפ׳ פּ׳ שניאורסאָן און אַנדערע׳

אין די פראַגעס פון טערמינאָלאָגיע און אויסלייג איז דער ענציקלאָפּעדיע צוגעזיכערט די מיטווירקונג פון דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייִוואָ)׳

* * *

אין פּראָבע־העפט זײַנען אויף יעדן געביט פון וויסן און אויף יעדן אות פון א״ב געבראַכט געוואָרן נאָר איינציקע אַרטיקלען און נאָטיצן (אַמאָל נאָר איין איינציקער אַרטיקל). מ׳דאַרף דעריבער אין אים ניט זוכן קיין פולשטענדיקייט. נאָך מער: פון גרעסערע אָפּהאַנדלונגען זײַנען דאָ געבראַכט געוואָרן נאָר איינצלנע קאַפּיטלעך אָדער אָפּשניטן: אַזוי, למשל, פונם אַרטיקל „אַרבעטלאָזיקייט" (ר. אַבראַמאָוויטש), וואָס וועט אין דער ענציקלאָפּעדיע באַשטיין פון 4 טיילן, איז אין פּראָבע־העפט אָפּגעדרוקט געוואָרן נאָר דער ערשטער טייל; דאָס זעלבע איז געמאַכט געוואָרן אויך בנוגע די אַרטיקלען „ייִדישע דעמאָגראַפיע" (יעקב לעשצינסקי), דער אַלגעמיינער „סטאַטיסטיק" (פּראָפ׳ ל. הערש) וכדומה.

דאָס שטערנדל (*) פאַר אַ וואָרט באַטייט: זע דעם באַטרעפנדיקן אַרטיקל אין דער ענציקלאָפּעדיע.

# א



**אָבעליסק** — פיר־קאַנטיקער שמאָלער און לאַנגער שטיינערנער זײַל, וואָס האָט אַ פאָרם פון אַ פיראַמידע מיט איבגעקריצטע פיגורן און שריפטן; געווען אויפגעשטעלט אין די טעמפּלען פון אַלטן מצרים. דער גרעסטער אָ', וואָס מען האָט ביז איצט געפונען, איז אויפגעשטעלט אויף דעם לאַטעראַן־פּלאַץ אין רוים. ער שטאַמט פון 15־טן יאָרהונדערט פ' קר' און האַלט 32 מעטער די הייך.

**אוליאַנאָוו**, וו. א. זע לענין.

**אינסולין** — אַ רפואה אויסגעפונען אין 1921 דורך די פאָרשער בענטינג (Banting) און בעסט (Best) אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע). אַלגעמיין אָנערקענט אַלס אַ ספּעציפיש־ווירקנדיק מיטל קעגן *צוקערקראַנקהייט, וואָס פאַרגרינגערט און פאַרלענגערט דאָס לעבן פון די קראַנקע, נאָר נישט אויסהיילנדיק די קראַנקהייט גופא. שוין 1889 האָט מינקאָווסקי, אויסשנײַדנדיק בײַ הינט די בויכדריז (*פּאַנקרעאַס), פעסטגעשטעלט נאָך דער אָפּעראַציע אַ קראַנקהייט ענלעך צו צוקערקראַנקהייט בײַ מענטשן (צוקער אין השתנה, פאַרגרעסערטער פּראָצענט צוקער אין בלוט אד״גל). אויך בײַם פאַלמעסן מענטשן, וואָס זײַנען געשטאָרבן פון צוקער קראַנקהייט, געפינט מען די בויכדריז שטאַרק פאַרענדערט. דערפון האָט מען געדרונגען, אַז לכל הפחות געוויסע פאָרמען פון צוקערקראַנקהייט (אַזוי גערופענער „מאָגערער דיאַבעט") קומען פון די פאַרענדערונגען אין בויכדריז. צוליב געוויסע סיבות, וואָס זײַנען פאָרלויפיק נאָך נישט אויסגעפאָרשט, ווערט געשטערט די *סעקרעציע פון דער דריז, אַזוי אַז זי שיידט אויס צו ווייניק פון יענעם כעמישן שטאָף (*האָרמאָן), וואָס רעגולירט דעם צוקער אינם קערפּער. דערנאָך איז מען געקומען צום געדאַנק צו דערגייען די גע־שטעלטע אייגנע בעקרעציע פון דער בויכדריז דורך דעם מעקרעט פון פרעמדע הייטע בויכדריזן. די דאָקטוירים בענטינג און בעסט איז טאַקע געלונגען צוצוגרייטן פון דער בויכדריז פון קעלבער אַזאַ עקסטראַקט, וואָס בײַם אײַנשפּריצן עס בעלי־חיים און אויך מענטשן פאַרקלענערט זיך שטאַרק דער כמות צוקער אין בלוט און השתנה. דעם פּרע־פּאַראַט באַקומט מען דער עיקר פון די אַקטיווסטע טיילן פון דער בויכדריז, וואָס זײַנען צעזייט אינזלווײַז (לאַנגער־האַנס־אינזלען); דערפאַר האָבן די אויסגעפינער אָנגערופן דעם פּרעפּאַראַט „אינסולין" (לאַט': אינסולאַ — אינזל). אי' ווערט דאָזירט אין איינהייטן. לויט דער שווערקייט פון דער קראַנקהייט שפּריצט מען אײַן טעגלעך 10—50 איינהייטן אין אַמאָל נאָך מערער.

ד״ר צ. שאַבאַד

**אַמאַרנאַ — תל אל אַמאַרנאַ** — אַ דאָרף אין עגיפּטן, וווּ מ׳האָט אין 1887 אַנטדעקט אין אַ בערגל (תל) מיט חורבות אַן אַלטן פּאַלאַץ מיט אַ רײַכן אַרכיוו פונעם הערשער פון עגיפּטן אַמענאָפיס IV ‏(1375—1358 פ' קר'). דער אַרכיוו איז באַשטאַנען פון 350 ליימענע טאָוולען מיט דער בבלישער שריפט. דאָס רוב זײַנען עס בריוו צו די עגיפּטישע מלכים אַמענאָפיס III און אַמענאָפיס IV, געשריבן פון די דעמאָלדיקע הערשער אין בבל, אשור און באַזונדערס פון די שרים אין סיריע און פּאַלעסטינע. — דער אינהאַלט פון די בריוו און דער פאַקט אַליין, אַז די אַלע דאָקומענטן זײַנען געשריבן מיט דער בבלישער שריפט און מיטן אויסנאַם פון דרײַ אויך אין דער בבלישער שפּראַך, האָט געהאַט אַ גרויסע באַדײַטונג פאַר דער היסטאָרישער פאָרשונג פון יענער עפּאָכע. עס איז דורך דעם באַוויזן געוואָרן די אינטערנאַציאָנאַלע באַדײַטונג און פאַרשפּרייטונג פון דער אַסיריש־בבלישער קולטור אין דער דעמאָלדיקער ציוויליזירטער וועלט. די בריוו גיבן אונז אָבער אויך זייער אַ לעבעדיק בילד פון די פּאָליטישע און קולטורעלע פאַרהעלטעניש פאַר דער דערמאָנטער תקופה אין אַלטן מזרח און באַזונדערס אין סיריע און פּאַלעסטינע (אַמאַרנאַ־תקופה). די אַמאַרנאַ־דאָקומענטן זײַנען די עלטסטע דאָקומענטאַרישע ידיעות, וואָס באַלײַכטן די פאַרהעלטענישן אין כּנען פאַר דער ייִדישער אײַנוואַנדערונג.

**אַמאַרנאַ־תקופה** אין סיריע און פּאַלעסטינע אַרום 14—15 יאָרהונדערט פ' קר'. די דאָזיקע לענדער האָבן דעמאָלט געבילדעט אַ טייל פון דער עגיפּטישער מלוכה. די אָרטיקע שרים זײַנען געווען וואַסאַלן פונם עגיפּטישן מלך. די אַמאַרנאַ־בריוו, די וויכטיקסטע היסטאָרישע דאָקומענטן פאַר דעם פּעריאָד, גיבן אונז אַ בילד ווי עס ווערט אונז געצייכנט נאָך אין ספר יהושע. דאָס לאַנד איז צעטיילט אויף אַ רייע קליינע מלוכהלעך, וואָס פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף איינע קעגן די אַנדערע. די בריוו פון די שרים פון כנען צו פּרעהן זײַנען פול מיט מסירות איינע אויף די אַנדערע. אָפט בעטן זיי אויך הילף קעגן אויסערלעכע שונאים, וואָס פירן קעגן זיי מלחמה. צו די דאָזיקע שונאים געהערן באַזונדערס די מדבר־שבטים, די אַזוי גערופענע הבירו, וואָס דאָס רוב געלערנטע אידענטיפיצירן מיט די עבֿרים, יענע העברעישע פּאַסטוכער־שבטים, צו וועמען ס׳האָבן אויך געהערט די בני

ישראל. דאָ טרעפן מיר זיך מיט די ערשטע פרווון פון די העברעיִשע שבטים אַרײַנצודרינגען אין כנען. די ענדגילטיקע אײַנוואַנדערונג פון די ייִדן אין פּאַלעסטינע איז אָבער ערשט פאָרגעקומען מיט אַ צײַט שפּעטער (13 יאָרהונדערט פ' קר'). — דער קולטור־מצב אין פּאַלעסטינע איז לפי ערך אַ גאַנץ הויכער. די פאַרקערס־וועגן צווישן די גרויסע מלוכות פון יענער צײַט — אשור, בבל און מצרים — גייען דורך סיריע און פּאַלעסטינע. די פעניציִשע שטעט שפּילן שוין אַ פירנדיקע ראָלע אין ים־האַנדל. אויך אין לאַנד גופא ווערן אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע פּראָדוקטן פאַרן עקספּאָרט. דאָס קולטור־לעבן שטייט שטאַרק אונטער דער השפעה פון בבל און מצרים. די קולטור־שפּראַך איז בבליש. די אײַנגעלעבטע פאָלקשפּראַך אָבער איז העברעיִש, ווי דאָס באַווײַזן די אָפטע העברעיִשע הערות צו די אַמאַרנאַ־דאָקומענטן. דערפון איז צו זען, אַז די פריערדיקע באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע, די אַזוי גערופענע כנענים, זײַנען געווען גאָר נאָענטע קרובים מיט די בני־ישראל, וואָס האָבן שפּעטער פאַרנומען דאָס לאַנד.

Knudtzon: „Die El-Amarna Tafeln" 1907—1915.

The Cambridge Ancient History II 1924, S. 296—351.

ש. דובנאָוו: „אַלגעמיינע געשיכטע פון יידישן פאָלק", ב. 1. 1930, ז. 8—10; ר. אַבראַמאָוויטש און א. מענעס: „לייענבוך צו דער געשיכטע פון ישראל", ז. 45—46.

א. מענעס

# אַרבעטלאָזיקייט

1. סיבות פון אַ'
2. סטאַטיסטיק פון אַ'
3. מיטלען און קאַמף קעגן אַ'
4. פאַרזיכערונג פאַר אַרבעטלאָזע

1. סיבות פון אַרבעטלאָזיקייט. אַ' טרעפן מיר שוין אין דער אַלטער געשיכטע, למשל, אין רוים. אָבער אַלס אַ שטענדיקע מאַסן־ערשײַנונג געפינען מיר אַ' ערשט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. די מאָדערנע אַ' דריקט זיך אויס אין פאַרשיידענע פאָרמען און ווערט אַרויסגערופן דורך פאַרשיידענע סיבות, זי קען אַמאָל זײַן אַ רעזולטאַט פון מער אָדער ווייניקער צופעליקע ניט־עקאָנאָמישע סיבות, ווי נאַטור־קאַטאַסטראָפעס, מלחמות, רעוואָלוציעס, וואָס צעשטערן אויף אַ געוויסער צײַט דאָס נאָרמאַלע עקאָנאָמישע לעבן. אַן אַנדער פאָרם פון אַ' איז די סעזאָן־אַ', וואָס ווערט אַרויסגערופן פעריאָדיש אין יענע פאַכן (לאַנדווירטשאַפט, בוי־אינדוסטריע, שנײַדערײַ), וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט סעזאָן־צײַטן אין דער נאַטור. פיל וויכטיקער איידער די דערמאָנטע מינים אַ', וואָס קענען טעאָרעטיש געמאָלט זײַן בײַ יעדער עקאָנאָמישער סיסטעם, זײַנען טעכנאָלאָגישע אַ' און ציקלישע אַ', וואָס געפינען זיך אין אַן אינעווייניקסטער פאַרבינדונג מיט די אַנטוויקלונגס־געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. — טעכנאָלאָגישע אַ' ווערט אָנגערופן אין דער נײַסטער אַמעריקאַניש־ענגלישער ליטעראַטור יענע אַ', וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דער כסדרדיקער אײַנפירונג פון אַלץ נײַע און פאַרבעסערטע מאַשינעס און טעכנישע אַרבעט־מעטאָדן אין דער מאָדערנער אינדוסטריע. יעדע נײַע מאַשין, יעדע טעכנישע פאַרבעסערונג גיט די מעגלעכקייט צו פּראָדוצירן דעם זעלבן און אָפט מאָל נאָך אַ גרעסערן כמות סחורות בײַ אַ קלענערער צאָל אַרבעטער, זי שטויסט דעריבער אַרויס אַ טייל פריער באַשעפטיקטע אַרבעט־הענט. אמת, אויף צו בויען די דאָזיקע מאַשינעס מוז מען ווידער באַשעפטיקן נײַע אַרבעטער (אין דער קייַן־אינדוסטריע, אין די אײַזן־הוטעס, מאַשין־פאַבריקן וכד'), אָבער ערשטנס איז דער איבערגאַנג צו נײַע פּראָפעסיעס ניט מעגלעך פאַר אַלע אַרבעטלאָזע און יעדנפאַלס איז דאָס אַ לאַנגער און שמערצלעכער פּראָצעס, וואָס לאָזט שטענדיק איבער אַ געוויסע אַ'; צווייטנס מוז די צאָל אַרבעט־כוחות, וואָס ווערן פרײַ דורך נײַע מאַשינעס, סוף כל סוף זײַן גרעסער איידער די צאָל הענט, וואָס בויען די דאָזיקע מאַשינעס. וואָרום אַנדערש וואָלט עס באַטײַט, אַז די געזעלשאַפט, אַלס גאַנצע, האָט גאָרניסט געוווּנען, ניט עקאָנאָמיזירט דורך דער מעכאַניזאַציע און מאַשיניזאַציע. די אײַנפירונג פון מאַשינעס אין אַלע נײַע געביטן מוז דעריבער טרײַבן צו אַ פאַרקלענערונג פונם אַרבעטער־קלאַס, ווי ווײַט ס'ווערט ניט געקירצט די אַרבעט־צײַט. אין דער זעלבער ריכטונג טרײַבן אויך אַנדערע ערשײַנונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג (למשל, די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, דורך איבערגאַנג פון קליינע אונטערנעמונגען צו אַלץ גרעסערע אא"וו). די פאַרקלענערונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס (דער וווּקס פון אַ') וואָלט געווען אַן אַבסאָלוטע, ד"ה די צאָל אַרבעטער וואָלט געוואָרן וואָס אַ יאָר אַלץ קלענער און די צאָל אַרבעטלאָזע אַלץ גרעסער, אויב אין פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג וואָלטן ניט אויפגעקומען שטענדיק, וואָס ווירקן אין קעגנזײַטיקער ריכטונג און שוואַכן אָפּ אָדער גלײַכן אויס די ווירקונג פון דער מאַשיניזאַציע: 1) פאַרגרעסערונג פון דעם אויסווייניקסטן מאַרק פון דער אייראָפּעיִשער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע דורך אַרײַנדרינגען אין די ניט קאַפּיטאַליסטישע לענדער: קאָלאָניעס, אָפּגעשטאַנענע אַגראַר־לענדער אָן אייגענער אינדוסטריע וכד'; 2) פאַרגרעסערונג פון דעם אינעווייניקסטן מאַרק צוליב דעם וווּקס פון די גרויסע שטעט, דעם ערפאָלגרײַכן קאַמף פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פאַר העכערן לוין, דעם וווּקס פון די באַדערפעניש פון ברייטע פאָלקסמאַסן, נײַע טעכנישע ערפינדונגען אא"וו; 3) קירצונג פון דער אַרבעט־צײַט דורך דעם אָרגאַניזירטן קלאַסנקאַמף פון די אַרבעטער. צוליב דעם איז סוף כל סוף די אַלגעמיינע צאָל באַשעפטיקטע הענט אין יעדן לאַנד מיט דער צײַט געוואָרן ניט קלענער נאָר גרעסער. אָבער דער דאָזיקער וווּקס איז געגאַנגען רעלאַטיוו פיל לאַנגזאַמער איידער די פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע, דער וווּקס פון אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט איז אַלײן מער אָפּגעשטאַנען פון דעם אַנטוויקלונגס־טעמפּ פון דער אינדוסטריע. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט ניט אויפגעהערט צו עקסיסטירן די גאַנצע צײַט אַ כראָנישע אַ', וואָס *קאַרל מאַרקס האָט אין זײַן „קאַפּיטאַל" (באַנד 1, קאַפּ' 23) צום ערשטן מאָל גענוי אויסגעפאָרשט און באַצייכנט אַלס „אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמיי". ער האָט פאָרמולירט זײַן טעאָריע פון אַ' אין קאַמף קעגן *מאַלטוס און זײַנע תלמידים, וואָס האָבן געלערנט, אַז אַ' איז אַן אומפאַרמײַדלעכער רעזולטאַט פון די נאַטור־געזעצן פון מענטשלעכער פאַרמערונג, און וואָס האָבן געפּרוווט מאַטעמאַטיש באַגרינדן, אַז בײַ מענטשן, בײַ אַנדערע בעלי־חיים האָבן אַ שטרעבונג צו פאַרמערן זיך גיכער איידער עס פאַרגרעסערט זיך דער כמות שפּײַז אין דער נאַטור. מאַרקס האָט באַוויזן, אַז די דאָזיקע „נאַטור־געזעצן" גילטן נאָר פאַר חיות, וואָס לעבן אין דער פרײַ, און ניט פאַר דער מאָדערנער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ער האָט אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז אַ' ווערט אַרויסגערופן ניט דורך נאַטור־געזעצן, נאָר דורך

פּאָרציעס, און אַזוי כּסדר, ניט געקוקט אויף גרויסע מיי־
נונגס־פאַרשידנקייטן, וואָס זײַנען פאַראַן צווישן די פאַר־
שידענע סאָציאַליסטישע טעאָריעס אין דער קאָנקרעטער
אויספאָרשונג און דערקלערונג פון די פּרטים, באַשטייט פולע
איינשטימיקייט אַפילו צווישן אַ סך ניט־סאָציאַליסטישע
טעאָרעטיקער, אַז ציקלישע אַ' (און די קריזיסן) קענען ניט
באַזײַטיקט ווערן אַזוי לאַנג, ווי עס בלײַבט באַשטיין די
ניט־אָרגאַניזירטע קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. אַלע מיט־
לען קעגן אַ', ווי נויטיק און וויכטיק זיי זאָלן ניט זײַן,
קענען העכסטנס זי אָפּשוואַכן, אָבער בשום אופן ניט אָפּ־
שאַפן זי אָדער פאַרהיטן.

ר. אַבראַמאָוויטש

## אַרגומענט (ראַט׳) באַווײַז.

## אָרטאָגראַפיע

„רעכטפאַרטיקע שרײַבונג", איי־
ידיש אויסלייג (אויך אויסלייגונג, זעלטענער — אייס־
לייגעכץ), די לערע וועגן פיקסירן דורך שריפטצייכנס —
אותיות — די קלאַנגען פון דער געגעבענער שפּראַך לויט
אַן אָנגענומענער סיסטעם. להיפוך צו דער וויסנשאַפט־
לעכער פאָנעטישער טראַנסקריפּציע, וואָס
שטרעבט צו דער מעגלעכסט גרעסטער פּינקטלעכקייט
(דאָס רוב — דורך אַ ספּעציעלן פאָנעטישן אַלף־בית אויפן
יסוד פון לאַטײַנישן אַלפאַבעט, אַמאָל אַפילו דורך ספּע־
ציעלע צייכנס, וואָס גיבן איבער די לאַגע פון די רייד־
אָרגאַנען בײַם אַרויסברענגען דעם אָדער יענעם קלאַנג), איז
די אָ' אַ מער פּראַקטישע סיסטעם פון אויסלייגן די ווערטער
ווי ווײַט מעגלעך קלאָר, אָבער אָן אידעאַלער אײַנ־
שטימונג מיט דער פאָנעטיק. דער פאָנעטישער
פּרינציפּ אין דער אָ' („שרײַב ווי דו רעדסט") קען ניט
דורכגעפירט ווערן אין אַלע פאַלן, ווײַל ערשטנס קען מען
מיט געוויינלעכע אותיות פון אַלף־בית ניט איבערגעבן אַלע
שאַטירונגען פון דער לעבעדיקער גערעדטער שפּראַך,
און אַ פאָנעטישער אַלפאַבעט וואָלט געווען צו קאָמפּליצירט
פאַר דעם אַלגעמיינעם געברויך, צווייטנס איז די דורכפירונג
פון דעם בלויז פאָנעטישן פּרינציפּ אוממעגלעך דורך די
דיאַלעקטישע אונטערשיידן אין דער אויסשפּראַך פון
פאַרשיידענע געגנטן, און די איינהייטלעכקייט
פון דער אָ' איז אַ הויפּט־פּרינציפּ, וואָס ווערט דערגרייכט
דווקא דורך איר אינטערדיאַלעקטישן כאַראַקטער; און
ענדלעך קומט דער פאָנעטישער פּרינציפּ אין סתירה מיט
אַן אַנדער הויפּט־פּרינציפּ פון דער אָ', דעם מאָרפאָלאָגישן
פּרינציפּ, וואָס פאָדערט, אַז ס'זאָל אָפּגעהיט ווערן די
איינהייטלעכקייט בײַם אויסלייגן דאָס אָדער יענץ וואָרט אין
זײַנע פאַרשיידענע פאָרמעס (למשל, דאָס פאָלק — ניט דאָס
פאָלג, ווײַל פעלקער; ער זינגט — ניט ער זינקט,
ווײַל זינגען). נאָך אַ ווײַטערע איינהייטלעכקייט פאָדערט
דער עטימאָלאָגישער פּרינציפּ, ווען די קרובישאַפט
פון די פאַרשיידן־קלינגענדיקע פאָרמעס איז ניט אַזוי באַ־
שײַמפּערלעך און קען טיילמאָל נאָכגעוויזן ווערן ערשט
דורך דער היסטאָרישער גראַמאַטיק. צוליב די דאָזיקע אָפּט
סתירהדיקע פּרינציפּן פון דער אָ', צו וועלכע עס קומט
נאָך צו דער היסטאָרישער פּרינציפּ, ד"ה די
אַלטע טראַדיציע פון אויסלייג, וואָס קען ביטר זײַן דער
לעבעדיקער אויסשפּראַך (ווי למשל, די שרײַבונג פון העברע־
איזמען אין ייִדיש), איז זעלטן וועלכע אָ' פולקום אין אַלע
אופנים, און פון צײַט צו צײַט ווערט נויטיק די רעפאָרם פון דער
אָ'. — פון די גרויסע אייראָפּעישע שפּראַכן שטייט ענגליש
היינט צום ווײַטסטן פון אַ פאָנעטישן אויסלייג. ניט נאָר
דער אויסלענדער, נאָר אויך דער ענגלענדער גופא מוז
לערנען דעם אויסלייג פון יעדן ווערטער וואָרט באַזונדער; די
איצטיקע ענגלישע שרײַבונג שפּיגלט אָפּ בערך די ענגלישע
אויסשפּראַך פון פאַר 400—500 יאָר. אַמעריקאַנער ענגליש
איז אַביסל אָפּגעטאָן פון די בריטישע כּללים, אָבער די
פאַראייִנפאַכונגען זײַנען שוין ניט מער ווי צו אַ מאָה
ווערטער (labor אַנשטאָט labour, jail אַנשטאָט gaol
אא"וו) און האָבן ניט אָנגערירט די יסודות פון דער אָ'.
די באַוועגונג פאַר אַ ראַדיקאַלער רעפאָרם פון דער אָ' האָט
דערווײַל ניט אָנגענומען אין די ענגליש־רעדנדיקע לענדער
קיין גרעסערן פאַרנעם. די פראַנצויזישע אָ' איז
זייער ניט אויסגעהאַלטן, זי האַלט זיך צווישן דעם היסטאָ־
רישן און עטימאָלאָגישן פּרינציפּ. דײַטש האָט נאָך
יאַקרעניש, אין קאַמפּן פון פיל צענדליקער יאָרן באַקומ־
ען 1901 אַן אָ', וואָס איז אָנערקענט געוואָרן דורך די רע־
גירונגען פון דײַטשלאַנד, עסטרײַך און שווייץ. די דאָזיקע
אָ' (פאָרמולירט 1903 פון ק. דודען) האָט אָפּגעשאַפט
אַביסל פאַרעלטערטע שרײַבונגען, אָבער פון אַ פאָנעטישער
אָ' איז נאָך דײַטש הײַנט אויך ווײַט (אין די ווערטער
bar, Haar, Hahn איז די אויסשפּראַך פונעם וואָקאַל די
זעלבע, ניט געקוקט אויף די דרײַ פאַרשיידענע שרײַ־
בונגען). די רוסישע אָ' איז פאַראייִנפאַכט געוואָרן
באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע דורך אַ דעקרעט
פון דער רעגירונג לויט די פּלענער, וואָס זײַנען געווען
נאָך מיט יאָרן פריִער אויסגעאַרבעט דורך דער אַקאַדעמיע
פון וויסנשאַפטן (אויסגעשלאָסן די אותיות ѣ און i, דעם
ъ וואָרט־אויס אא"וו), אָבער אַזעלכע שרײַבונגען ווי
доброго בײַ דער אויסשפּראַך vo און אַ סך אַנדערע
ווײַזן, אַז אויך רוסיש איז נאָך ווײַט פון אַ פולער פאָנע־
טישער שרײַבונג. דאָס אייגענע לאָזט זיך זאָגן וועגן
פּויליש, וואָס היט אָפּ, פּונקט ווי רוסיש, דעם עטי־
מאָלאָגישן פּרינציפּ (פאַרגלײַך פּויליש wódka, רוסיש
водка, הגם ס'הערט זיך t צוליב דער סיסטעם wod).
אַ סך נאָענטער צום פאָנעטישן שרײַבן איז איטאַליע־
ניש, נאָך נאָענטער שפּאַניש.

די ייִדישע אָ' האָט אויך דורכגעמאַכט אַ לאַנגע
און היסטאָרישע אַנטוויקלונג. אויפגעבויט אויף דעם
העברעיִשן אַלף־בית, האָט די ייִדישע אָ' להיפוך צו דער
העברעיִשער שרײַבסיסטעם פון אָנהויב אָן אַרויסגעוויזן —
הגם לכתּחילה ניט גאַנץ קאָנסעקווענט — די טענדענץ זיך
אָפּצושיידן אייגן פון דער אייראָפּעישער טראַנס־
קריפּציע, באַצייכענענדיק דורך באַזונדערע אותיות ניט נאָר
די קאָנסאָנאַנטן, ווי דאָס איז דער פאַל אין העברעיִש,
נאָר אויך די וואָקאַלן. דער הויפּט־אויפטו פון דער
ייִדישער אָ' איז געווען צו נוצן דעם העברעיִשן ע פאַר
דעם וואָקאַל e, ווי אויך דאָס אײַנפירן פון די דיפטאָנגען
יי און וי, וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אויס־
צודריקן אין שריפט דעם דיאַלעקטישן פּאַראַלעליזם אין
דער אויסשפּראַך פון קלאַנגען־קאָמפּלעקסן au, ei, ou, eu
מיט זייערע מעטאַפאָנישע מאָדיפיקאַציעס. — די כּללים פון
ייִדישן אויסלייג זײַנען צום ערשטן מאָל פאָרמולירט
1514 אין יאָהאַן בעשענשטיינס ביכל אין לאַטײַן
„מטב ארבעה אותיות", דאַן אויף ייִדיש אַביסל גענויער
אין דעם באַרימטן אַלט־ייִדישן מוסר־ספר „ספר המדות",
איזני 1542. דער דאָזיקער אַלט־ייִדישער אויסלייג האָט
בדרך כּלל זיך אײַנגעהאַלטן ביזן סוף 18־טן יאָרהונדערט,
מיט געוויסע ענדערונגען אין וואָקאַליזם, בפרט אין דיפּ־

דער מעזאָצעזישער געאָלאָגישער עפּאָכע (200—150 מיליאָן יאָר צוריק). ווערליק די בקיעלטן אין איינצלנע ביינער, וואָס מ'האָט אויסגעגראָבן, האָבן דאָס געמוזט זיין די גרעסטע בעלי־חיים, וואָס האָבן ווען עס איז געלעבט אויף דער יבשה. איינציקע מינים ד' (בראָנטאָזאַוור) זיינען געווען איבער 30 מעטער לענג (דאָס בילד באַווייזט, ווי אזאַ ד' וואָלט אויסגעזען אין פאַרגלייך מיט אַ מיטל־גרויסן לאָקאָמאָטיוו).

**האָמעאָפּאַטיע** — אַ סיסטעם פון היילן קראַנקהייטן מיט רפואות, וואָס רופן אַרויס ביי געזונטע מענטשן ענלעכע סימפּטאָמען ווי די קראַנקהייט גופא. די דאָזיקע סיסטעם איז איינגעפירט געוואָרן די לעצטע יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט דורך דעם דייטשן ד"ר ס. האַהנעמאַן (1843—1755) אין קעגנזאַץ צו דער אַלגעמיינער, אַזוי גערופענער אַלאָ־פּאַטישער מעדיצין. — דער עצם־געדאַנק, אַז ענלעכס היילט ענלעכס — „סימיליאַ סימיליבוס קוראַנטור" — געפינט זיך שוין אין די ווערק פון ד"ר פּאַראַצעלזוס (אין דער זשעגעווער אויסגאַבע פון יאָר 1658), נאָר האַהנעמאַן האָט אָט דעם געדאַנק דערהויבן צו אַ הויפּט־פּרינציפּ פון דער חכמת הרפואה. צוגעגעבן שפּעטער זיין טעאָריע פון די קלענסטע דאָזעס, האָט ער געהאַלטן, אַז איין טראָפּן פון אַ מעדיצינישער טינקטור, פאַרוואַסערט טויזנטער מאָל, קען דינען ווי אַ גייסטיקער היילמיטל, און וואָס מער פאַרוואַסערט, אַלץ מער פאַרפיינערט, אַלץ שטאַרקער די ווירקונג. די דאָזיקע צוויי פּרינציפּן, וואָס האָבן היינטיקע ציַיטן אַ קנאַפּן אָנהאַלט, זיינען אין יענער צייט דאָך געווען טיילווייז פּרוכטבאַר; זיי האָבן סטימולירט די אויספאָרשונג פון דער פיזיאָלאָגישער ווירקונג פון רפואות און זיינען געווען אַ געזונטע רעאַקציע קעגן דער דעמאָלדיקער מעטאָדע צו פאַרשרייבן צענדליקער פאַרשיידענע מעדיצינען אין איין מיקסטור. די מאָדערנע ה' שול זוכט צו געבן אַ מער מאַטעריאַליסטישע דערקלערונג פון די סבות פון קראַנקהייטן און דער ווירקונג פון קליינע דאָזעס. זי האַלט, אַז די קליינע טיילעכלעך פון אַ פּאַסיקער מעדיצין סטימולירן די אָנגעגריפענע צעלן צו פאַרטיידיקן זיך קעגן דעם סם פון דער קרענק, בעת גרעסערע דאָזעס רופן אַרויס די זעלבע ווירקונג ווי דער סם גופא. די ה' זאָגט זיך ניט אָפּ פון פיזישע היילמיטלען, ווי מאַסאַזש, עלעקטריע, בעדער און היגיענע.

ד״ר י. א. מעריסאָן

**הבל־הבלים** — גאָרנישט מיט נישט. מיט די ווערטער ווערט אין קהלת אויסגעדריקט דער געדאַנק, אַז דאָס לעבן האָט ניט קיין זינען און ניט קיין תכלית.

**וועדזשוווּד,** דזשאָזאַיאַ — באַרימטער טעפּער אין ענגלאַנד, סוף 18־טן יאָרהונדערט אויסגעפונען אַ באַזונדערן מין קעראַמישן מאַטעריאַל, וואָס טראָגט זיין נאָמען.

**זשעראָמסקי,** סטעפאַן (1925—1864) — איינער פון די גרעסטע פּוילישע דיכטער. געבוירן אין קיעלצער וואָיעוואָדסטווע, אין אַ באַשיידענער פאַרמער־משפּחה. באַזוכט אַ רוסישע גימנאַזיע, שטודירט אַ קורצע צייט אין דער וואַרשעווער וועטערינאַר־שול. 1892 געלינגט אים אַרויסצופאָרן אין דער שווייץ. אין 6 יאָר אַרום קומט זש' צוריק קיין פּוילן, און פון דעמאָלט אָן פאַרנעמט ער זיך ביז דעם טויט מיט ליטעראַרישער אַרבעט. זש'־ס ערשט ווערק איז אַרויס אין יאָר 1895 אונטער דעם פּסעוודאָנים מאַוריצי זיך. 1898 איז אַרויס דער ראָמאַן „סיזיף־אַרבעט", ווו זש' שילדערט דאָס לעבן פון דער פּוילישער יוגנט אין דער רוסיפיקאַטאָרישער שול. זיין פּאָפּולערקייט פאַרפעסטיקט זיך נאָכן ערשיינען פון זיין ראָמאַן „היימלאָזע מענטשן" — אַ ווערק מיט אַן אייגנע שפּראַכן סאָציאַלער באַאַרבונג. די גרונד־אידעע פון דעם דאָזיקן ראָמאַן, ווו דער העלד ד"ר יודים זאָגט זיך אָפּ פון זיין פּערזענלעך גליק, כדי אַלע זיינע כוחות אָפּצוגעבן דער אַרבעט צווישן פּראָלעטאַריאַט פון דאָמבראָווער קוילן ראַיאָן, איז פולשטענדיק צוגעפּאַסט געווען צו די דעמאָלדיקע שטימונגען פון ברייטע קרייזן ראַדיקאַלער אינטעליגענץ. 1904 ערשיינט די עפּאָפּעע „אַש", וואָס גיט אַ ברייט פונאַנדערגעוויקלט היסטאָריש בילד פון לעבן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט אין דער עפּאָכע פון די נאַפּאָלעאָנישע קריגן. דאָס ווערק ווערט פון קריטיקער באַטראַכט ווי דאָס גרונד־ווערק פון זש'. אויף דער רעוואָלוציע פון 1905 האָט זיך זש' אָפּגערופן מיט דער דראַמע „די רויז", וואָס כאַראַקטעריזירט פאַרשיידענע טיפּן פון פּוילישע רעוואָלוציאָנערן. די וויכטיקסטע פון זש'־ס שפּעטערדיקע ווערק זיינען: „די געשיכטע פון אַ זינד" (1906), „באַטראַכטונגען וועגן העטמאַן" (1908), „אַ טרויער טייך" (1913), די טרילאָגיע „קאַמף מיטן שטן" (1916—1919). צו די סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס זש' האָט באַרירט אין „די היימלאָזע מענטשן", קערט ער זיך אום אין דער „געשיכטע פון אַ זינד" און אין „קאַמף מיטן שטן" אין פאַרענטפערט זיי טיילווייז אין פילאַנטראָפּיש־אוטאָפּיסטישן גייסט. דער דריטער באַנד פון דער טרילאָגיע („באַרמהערציקייט") שילדערט דעם פאַרלויף פון דער וועלט־מלחמה און איז דורכגעדרונגען מיט הייסן פּאַציפיזם. זיין לעצט, קירין פאַרן טויט געשריבן ווערק, איז געווען דער ראָמאַן „ערב פרילינג", ווו דער מחבר שילדערט דאָס לעבן פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן פון דעם איצטיקן פּוילן — די פּוסטקייט און עגאָיזם פון דער פּראָווינציעלער שליאַכטע, דעם דלות פון פּויער, פון אַרבעטער און יידישן קליינהענדלער. דער העלד פון ראָמאַן, צעזאַרי באַריקאַ, קערט זיך אום פון רוסלאַנד אין אומאָפּהענגיקן פּוילן מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט דאָרט העלפן בויען אַ פּוילן פון „גלעזערנע הייזער", אַ פּוילן פון ברידערלעכקייט און אַלגעמיינעם גליק. דאָס בילד פון דער טרויעריקער פּוילישער ווירקלעכקייט שטופּט אים אין די אָרעמס פון קאָמוניזם. אַ הייסער פּאַטריאָט אין אומאָפּהענגיקייטס־קעמפער, שטעלט פונדעסטוועגן זש' אין צענטער פון זיין שאַפונג אַלגעמיין מענטשלעכע, סאָציאַלעטישע פּראָבלעמעס.

זש'־ס ווערק אין יידיש: „ערב פרילינג" (פאַרלאַג בזשאָזאַ, וואַרשע 1926); „היימלאָזע מענטשן" (פאַרלאַג „כוחות", וואַרשע 1929).

וועגן זש' — פ. ווילטשינסקי: „יידישע טיפּן אין דער פּוילישער ליטעראַטור" (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע 1928); י. ק.: „פּוילישע ליטעראַטור פאַר די לעצטע יאָרן" (אַרבעטער־לוח 1925); י. ק.: „זשעראָמסקי סטעפאַן" (אַרבעטער־לוח 1926). ס. דובנאָוו־ערליך

**חבדניק** — אָנהענגער פון דער חסידישער סעקטע חב"ד (* חסידות).

**חומרא־חומרות** (תלמודיש) — האַרבקייט, שטרענגקייט (ביים אויסטייטשן אַ געזעץ).

**חי וקים** — „דער וואָס לעבט און באַשטייט אייביק", ווערטער פון אַ געוויסער תפילה, וואָס דער עולם זאָגט בקול רם (אין דער הויך), שרייען חי וקים — פּראָטעסטירן אומזיסט; אַ פּראָסטער חי וקים — אַ פּשוטער נפש, וואָס ווייסט ניט פון קיינע חכמות.

**חסידות, חסידיזם** — אַ גרויסע רעליגיעזע באַוועגונג אויף אַ סאָציאַלן הינטערגרונד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אוקראַינע אין מיטן 18־טן יאָרהונדערט און האָט זיך דערנאָך פאַרשפּרייט אין אַלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע. די צרות, וואָס יידישע מאַסן זיינען אויסגעשטאַנען אין פוילן און באַזונדערס אין אוקראַינע פון מיטן 17־טן ביז מיטן 18־טן יאָרהונדערט, האָבן געבראַכט צו אַ שטאַרקער ירידה אין זייער ווירטשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן. דער ייד האָט אויף זיך געטראָגן אַ פילפאַכיקן יאָך: אין שטאָט — פון דעם קריסטלעכן מאַגיסטראַט, פון די הענדלער־גילדיעס און האַנטווערקער־צעכן; אין דאָרף — פון דעם פּריץ, דעם גוטסבאַזיצער, וואָס האָט דעם יידישן אַרענדאַר געמאַכט פאַר אַ פאַרמיטלער צווישן זיך און דעם פאַרקנעכטעטן פּויער און דערמיט פאַרשטאַרקט די שנאה פון דער פּויערים־מאַסע צו יידן בכלל. אַפילו אין דער יידישער קהילה איז אויך דער מאַסן־מענטש געווען געדריקט פון זיינע אייגענע אויבערשטע שיכטן. דער קהל, ד"ה די קהילה־פאַרוואַלטונג, איז געווען אין אָליגאַרכיע פון גבירים און לומדים, וואָס פאַר זיי איז דער פּשוטער ייד, דער „עם־הארץ", געווען נאָר אַן אָביעקט פאַר צאָלן שטייער און האָט אין קהילה־ענינים קיין שום דעה ניט געהאַט. ניט ווייניקער שווער איז געווען דער גייסטיקער יאָך, דער „עול תורה ומצוות", וואָס דער ייד האָט געטראָגן אונטער דער הערשאַפט פון די רבנים. ווער ס'האָט ניט געקענט לערנען גמרא און פּוסקים, האָט זיך גערעכנט פאַר אַ האַלבן גוי. למדנות האָט מען געשטעלט נאָך העכער פאַר פרומקייט. עס איז ניט גענוג מקיים זיין אַלע תרי"ג מצוות פון דער תורה און תלמוד, מען מוז זוכן דעם גרונד און דעם טעם פון יעדער מצוה, ווי ס'האָבן דאָס אויסגעטייטשט די הונדערטער תלמודישע און רבנישע ספרים. דער דורכשניט־מענטש, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט דאגת־פרנסה, האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן מיט לערנען און האָט געפילט, אַז ער איז אין דער קהילה עפּעס ווי אַ מיטגליד פון צווייטן ראַנג, אַ קליין מענטשעלע, וואָס דאַרף זיין אונטערטעניק דעם רייכן און געלערנטן.

קעגן דעם דאָזיקן גייסטיקן דרוק איז אַרויסגעטראָטן די חסידישע באַוועגונג. איר באַגרינדער איז געווען אַ פּאָפּולערער בעל־שם, אַ „גוטער ייד", וואָס שפּרעכט אָפּ עין־הרע און היילט קראַנקהייטן מיט פאַרשיידענע קרייטעכצער. ער האָט געהייסן „ישראל דער גוטער בעל־שם" אָדער * בעש"ט (ראשי תיבות פון „בעל־שם־טוב"). דער עולם, וואָס האָט זיך אָנגעהערט פון זיינע „מופתים", פלעגט צו אים קומען בעטן וועגן רפואות און עצות, ווייל מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַן הייליקן מענטשן. ער האָט אָבער געוואָלט היילן ניט דעם גוף אַליין, נאָר אויך די נשמה: מיט פייערדיקער תפילה, מיט פרומע דרשות, מיט באַלערונגען ווי צו לעבן אויף דער וועלט. דער בעש"ט האָט צוגעפּאַסט די אַלטע יידישע מיסטיק, די קבלה, צו די באַגריפן פון פּשוטן פאָלק. גאָט איז אומעטום, אין אַלע זאַכן און אַלע געדאַנקען פון דעם מענטשן, און דער מענטש קען ווירקן אויף גאָטס רצון דורך זיינע מעשים. ניט דאָס לערנען תורה און טון אַלע מצוות איז דער עיקר, נאָר זיין צוגעבונדן צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן, אַזוי ווי אַ קינד צום פאָטער, דאַוונען מיט אַ „ברען" (התלהבות), אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר גאָט און האָבן שטענדיק גאָט פאַר די אויגן. אַ פּשוטער ייד, אַן „עם הארץ", וואָס דאַוונט מיט כוונה, איז ביי גאָט טייערער ווי דער גרעסטער למדן, וואָס לערנט גמרא צוליב כבוד אָדער געלט. ווער ס'פירט אַזאַ פרום לעבן, איז אַן אמתער חסיד, און ווער ס'דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון פרומקייט אָדער הייליקייט, איז אַן אמתער צדיק. ניט אַלע קענען אָבער שטענדיק טראַכטן וועגן גאָט, ווייל מען איז דאָך פאַרטראָגן אין דאגות פון עולם הזה; דעריבער מוז דער צדיק זיין דער פאַרמיטלער צווישן פּשוטן חסיד און גאָט, אויפהויבן זיינע תפילות צום הימל און זיין פאַר אים דאָרטן אַ גוטער בעטער. אין דעם איז באַשטאַנען די דעמאָקראַטישקייט פון דער נייער תורה: דער צדיק דאַרף שטיין נאָענטער צום פאָלקס־מענטשן איידער דער רב, דער למדן. נאָך בעש"טס טויט אין 1760 האָבן זיינע תלמידים זיין תורה ווייטער אַנטוויקלט און פאַרשפּרייט. „דער גרויסער מגיד" * בער פון מעזעריטש אין וואָלין האָט צוגעצויגן אַ סך לומדים צו דער נייער תורה, וואָס ער פלעגט זאָגן אין פאַרזאַמלונגען. דער רב פון פּאָלאָנע * יעקב יוסף הכהן האָט אַריינגעשטעלט אין זיינע ספרים („תולדות יעקב יוסף" און אַנדערע) אַלץ, וואָס ער האָט געהערט פון זיין לערער, דעם בעש"ט, און האָט צוגעגעבן זיינע אייגענע חסידישע געדאַנקען. ער האָט באַזונדערס שאַרף פּאָלעמיזירט מיט די רבנים פון אַלטן שטייגער און האָט זיי אָנגערופן „יידישע שדים". אַזוי האָבן די חסידישע תורות זיך פאַרשפּרייט אין פאַרשיידענע פוילישע פּראָווינצן. אין אוקראַינע האָבן זיך די חסידים אויסגעטיילט אין באַזונדערע מנינים, ווו זיי האָבן געדאַוונט לויט זייער שטייגער — מיט קולות און עקסטאַטישע באַוועגונגען פון גאַנצן קערפּער. ס'האָבן זיך באַוויזן חסידישע קרייזלעך און מנינים אַפילו אין ליטע, וואָס איז געווען פול מיט רבנים און ישיבות: אין קאַרלין, פּינסק, מינסק און אין דער רבנישער פעסטונג ווילנע. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף. — אין יאָר 1772 איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער נייער „סעקטע" דער גרעסטער פון אַלע רבנים רבי אליהו, „דער ווילנער גאון". אין ווילנע האָט מען אויסגערופן אַ חרם אויף אַלע חסידים און מען האָט פונאַנדערגעשיקט אויפרופן צו פאַרשיידענע קהילות, מען זאָל דאָרטן אויך רודפן די סעקטאַנטן. 1781 האָט מען ווידער מחרים געווען די חסידים אין אַ סך קהילות. די מתנגדים, ד"ה געגנער פון דער נייער סעקטע, פלעגן איר אָנטון גרויסע צרות: געטריבן חסידים פון דירות, ניט געפירט מיט זיי קיין געשעפטן, ניט צוגעלאָזט אין די קהלישע שולן און בכלל אויסגעשלאָסן פון די קהילות. שפּעטער האָט זיך דער קאַמף אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, וואָס זיינען אין יענער צייט אַריבערגעגאַנגען פון פוילן צו רוסלאַנד, אַזוי צעפלאַקערט, אַז מתנגדים האָבן אָנגעהויבן צו מסרן דער רוסישער רעגירונג אויף די חסידים, באַשולדיקט זיי אין אַל דאָס בייז. 1798 און 1800 האָט די פּעטערבורגער רעגירונג אין נאָמען פונם קיסר פּאַוועל געהייסן אַרעסטירן און ברענגען קיין פּעטערבורג דעם פירער פון די ווייסרוסישע חסידים רבי זלמן שניאורסאָן, ביידע מאָל געהאַלטן אים אַ צייט אין פּעטראָפּאַוולסקער פעסטונג און אויסגעפאָרשט, צי האָט ניט די חסידישע סעקטע קיין בייזע פּאָליטישע כוונות. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אַזעלכע זאַכן זיינען די סעקטאַנטן ניט שולדיק און מען האָט זייער רבין באַפרייט. — צום סוף 18־טן און אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט איז די חסידישע מאַסע שוין אַריבערגעגאַנגען די גרענעצן פון אַ סעקטע און איז געוואָרן אַ גרעסערער אָדער אַ קלע־

נערער באַשטאַנד־טייל פון אַלע קהילות. אין אוקראַינע (פּאָדאָליע, וואָלין, גאַליציע) זײַנען חסידים געוואָרן די מערהייט אין זייער פיל קהילות. באַזונדערס געדיכטע חסידישע מאַסן האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין יענע געגנטן, וווּ עס האָבן זיך באַזעצט באַרימטע „צדיקים" אָדער „רביים". די תלמידים פון דעם מעזריטשער מגיד און אייניקלעך פון בעש"ט האָבן צוגעצויגן צו זיך דעם עולם מיט זייערע „מופתים". רבי אלימלך אין ליזשענסק (גאַליציע), דער טשערנאָבילער מגיד רבי נחום (אוקראַינע), דער בערדיטשעווער רבי לוי־יצחק, בעש"טס אייניקלעך: ברוך מעזשיבאָזשער אָדער טולטשינער און נחמן בראַצלאַווער — זײַנען געווען די „גדולים" אין דער חסידישער וועלט; אויסער דעם זײַנען נאָך געווען אַ סך מיטלע און קליינע רביים, וואָס האָבן געשמט פאַר הייליקע און וווּנדער־מאַכער. דער צדיק־קולט איז געוואָרן דער עיקר אין חסידות. אלימלך ליזשענסקער (אין זײַן ספר „נועם אלימלך", 1786) און נאָך אַנדערע האָבן אײַנגעשטעלט אַ פּרינציפּ: אַז דער צדיק איז אַ סרסור, אַ מעקלער, צווישן גאָט און דעם פּשוטן חסיד, אַז נאָר דורך דעם רבין באַקומט דער מענטש „לעבן, חיונה און קינדער", אַזוי אַז מען מוז אָנקומען צו אים אין יעדער זאַך. מען פלעגט פאָרן צום רבין מיט מתנות אויף יום־טוב, פרעגן בײַ אים עצות אין אַלערליי געשעפטן, בעטן רפואות פאַר קראַנקע, ברכות פאַר קינדערלאָזע ווײַבער. וועגן „מופתים" פון דעם הייליקן רבין פלעגט מען דערציילן מעשיות אומעטום און דער עולם האָט געגלייבט אין אַלע גוזמאות. נאָר איין איינציקער פון די גרויסע צדיקים, רבי זלמן שניאורסאָן, דער מחבר פונעם ערשטן חסידישן בוך „תניא", האָט געבעטן, מען זאָל אים ניט האַלטן פאַר אַ „בעל־מופת": ער איז נאָר אַ לערער און פירער אין אמונה־זאַכן, אָבער ניט קיין נביא און ניט קיין מלאך פון הימל. זײַנע חסידים האָבן געהייסן „חבדניקעס", ד"ה אָנהענגער פון דער שיטה „חכמה, בינה, דעת" (ראשי תיבות — חב"ד), וואָס פאָדערט פון דעם חסיד, ער זאָל זיך פאַרטיפן אין געדאַנקען וועגן גאָט און זײַן אַ באַוווּסטזיניקער מאמין. דערפאַר איז טאַקע די חסידישע באַוועגונג אין ווײַסרוסלאַנד און ליטע געווען פיל שוואַכער איידער אין אוקראַינע און פּוילן, ווו די רביים האָבן [illegible] פאַרכישופט די יידישע מאַסע און ווו דער צדיקיזם האָט אינגאַנצן פאַרשלונגען דעם חסידיזם. אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן זיך אומעטום געשאַפן צדיקישע „דינאַסטיעס": דער פאָטער פלעגט איבערגעבן זײַן מאַכט בירושה דעם זון. אַזוי פלעגט זיך ציִען לאַנגע דורות ביז אייניקלעך און אוראייניקלעך. די חסידים האָבן זיך צעטיילט לויט צוגעהעריקייט צו דעם אָדער יענעם רבין: עס זײַנען געווען טשערנאָבילער חסידים, רוזשינער (שפּעטער סאַדאַגורער), בראַצלאַווער, קאָזשעניצער, לובלינער, קאַרלינער, לאַדיער און ליובאַוויטשער, ראָטמיסטראָווקער, טאַלנער און אַנדערע. די רביים האָבן צווישן זיך קאָנקורירט. יעדער האָט געהאַט זײַנע חסידים, וואָס האָבן אים געגלייבט אין הימל אַרײַן און אַנדערע רביים געהאַלטן פאַר פאַלשע נביאים. אָפט פלעגט קומען צו געשלעגן צווישן חסידים פון פאַרשיידענע רביים. אַזוי איז דער צדיקיזם דערגאַנגען צו אַ פולשטענדיקער דעגענעראַציע. דער אַמאָליקער קאַמף צווישן חסידים און מתנגדים האָט אויפגעהערט. ביידע פּאַרטייען פון דער אָרטאָדאָקסיע האָבן שלום געמאַכט, ווײַל קעגן זיי איז אַרויסגעטראָטן אַ פײַנד, וואָס איז געווען געפערלעך פאַר ביידע, פאַר חסידים נאָך מער ווי פאַר מתנגדים. דאָס איז געווען די השכלה, די נײַע קולטור־באַוועגונג, וואָס האָט געשטרעבט צו אייראָפּעיִשער בילדונג, צו פרײַדענקערײַ און צו וועלטלעכקייט. אונטער דעם צייכן פון דעם דאָזיקן קולטור־קאַמף שטייט כמעט דאָס גאַנצע 19־טע יאָרהונדערט. דער חסידיזם, די שיטה פון בלינדן גלייבן אין אָבערגלויבן, פירט אַ פאַרצווייפלטן קאַמף מיט דעם פרײַען געדאַנק און וועלטלעכער וויסנשאַפט, אָבער גרויסע טיילן פון די יונגע דורות גייען אַוועק אויף נײַע וועגן. אין די חסידישע „שטיבלעך" און אין די חסידישע הייפן איז צום אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט שוין ניט אַזוי לעבעדיק ווי אַמאָל, די צאָל פון די צדיקישע דינאַסטיעס ווערט אַלץ קלענער. ניט ווייניק האָבן זיי געליטן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט אַרײַנגעצויגן אין איר פראָנט דעם גאַנצן חסידישן פאַס פון רוסיש־פּוילן און עסטרײַכישער גאַליציע מיט בוקאָווינע. אין ראַטן־פאַרבאַנד מיט דער אַנטירעליגיעזער פּאָליטיק איז דער צדיקיזם כמעט אָפּגעשטאָרבן און מיט אים פאַלט אויך דער גאַנצער חסידיזם. פון די צדיקישע דינאַסטיעס זײַנען נאָך געבליבן די גערער און אַלעקסאַנדרער רביים אַרום וואַרשע, אַ צווײַג פון די שניאורסאָנס אין ריגע, עטלעכע רביים אין פּוילישער גאַליציע, אין רומענישער בוקאָווינע און אין טשעכאָסלאָוואַקײַשן קאַרפּאַטאָ־רוסלאַנד. אין דער לעצטער צײַט האָבן זיך די חסידישע פירער פאַראייניקט מיט די מתנגדישע אין דעם אָרטאָדאָקסישן וועלט־פאַרבאַנד „אגודת ישראל", וואָס פירט אומעטום אַ שטאַרקע רעאַקציאָנערע פּאָליטיק.

די באַציִונג פון דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט און ליטעראַטור צום חסידיזם האָט זיך געביטן אין דער לעצטער תקופה. אין דער צײַט פון השכלה־קאַמף, אין 19־טן יאָרהונדערט, האָט מען דעם גאַנצן חסידיזם געהאַלטן פאַר אַ שעדלעכער באַוועגונג, וואָס מען מוז זי מיט אַלע מיטלען אויסראָטן. צום אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט, אונטער דעם אײַנפלוס פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, האָט מען אין געבילדעטע קרײַזן אָנגעהויבן זוכן אין חסידיזם טיפע פּסיכאָלאָגישע און פּאָעטישע עלעמענטן. י. ל. פּרץ האָט אין זײַנע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" פּאָעטיזירט די חסידישע לעגענדע, די שבתדיקע „נשמה יתירה", וואָס ליגט אין דעם חסיד און אין דעם צדיק. מיכה יוסף בערדיטשעווסקי האָט דאָס זעלבע געמאַכט אין זײַנע סקיצן און אַרטיקלען. מאַרטין בובער האָט די חסידישע לעגענדע פילאָסאָפירט און האָט אײַנגעפונען, אַז דער חסידיזם האָט אַרײַנגעבראַכט אין יהדות דעם עלעמענט פון מיטאָס און פאָלקס־דיכטונג, וואָס האָט איר געפעלט. די שיינע חסידישע ניגונים האָבן זיך שטאַרק פאַרשפּרייט אין דער געזעלשאַפט, די נײַע יידישע מוזיק באַשעפטיקט זיך מיט זייער באַאַרבעטונג. ס'האָט זיך געשאַפן אַ מין נעאָ־חסידיזם, וואָס איז מער אַ שטימונג־זאַך ווי אַ רעליגיעזע אָדער פילאָסאָפישע ריכטונג.

אַ פולשטענדיקע ביבליאָגראַפיע פון דער חסידישער ליטעראַטור און פאָרשונגען וועגן חסידות געפינט זיך אין דובנאָווס „תולדות החסידות", בוך 3 (תל־אביב 1932). ש. דובנאָוו: „געשיכטע פון חסידיזם" (יידיש, באַנד 1, ווילנע 1930; ניט פאַרענדיקט). פון דער נײַער ליטעראַטור וועגן חסידות — ש. א. האָראָדעצקי: „החסידים והחסידות" (4 טיילן, בערלין 1922); מאַרטין בובער: Die Chassidischen Bücher (1928); ש. זעצער: „רבי ישראל בעל שם־טוב, זײַן לעבן, זײַן לערע און ווירקן" (ניו־יאָרק 1919).

ש. דובנאָוו



1914



1914

**טעסלאַ,** ניקאָלאַ — געבוירן 1857; באַוווּסטער אַמעריקאַנער פיזיקער פון סערבישער אָפּשטאַמונג. אַנטדעקט אַ באַזונדערן מין עלעקטרישן וועקסל־שטראָם: ט' — שטראָם.

**טרילאָגיע** (גריכ') — אַ גרופּע פון דריי פּיעסעס אָדער ראָמאַנען, וואָס יעדער פון זיי איז אַ באַזונדער ווערק פאַר זיך, אָבער אינערלעך איינע מיט די אַנדערע פאַרבונדן (שלום אַש: פּעטערבורג, מאָסקווע, וואַרשע).

**יידן** (ספּעציעלער באַנד):

**יידישע דעמאָגראַפיע** — 19־טער יאָרהונדערט. — אַרום 1825־טן יאָר זיינען געווען יידן אין דער גאַנצער וועלט בערך 3¼ מיליאָן. אין 1930 — שפּעטער מיט 105 יאָר — זיינען שוין געווען יידן אין דער גאָרער וועלט בערך 15.800.000. אַזאַ מין וווּקס אין צאָל האָט דאָס יידישע פאָלק אין זיין געשיכטע קיינמאָל ניט געהאַט.

די צאָל יידן אין פאַרשיידענע היסטאָרישע עפּאָכעס. לויט די העכסטע שאַצונגען זיינען געווען יידן צו דער צייט פון חורבן בית שני צווישן 4½ און 5 מיליאָן; אין מיטלאַלטער, אַרום יאָר 1300, שאַצט מען די צאָל יידן אין דער גאַנצער וועלט ביי 2 מיליאָן; שפּעטער מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר, נאָך דער שוואַרצער מגפה און די גרויסע חורבנות און רדיפות פון די דאָזיקע גרויזאַמסטע יאָרן פאַר יידן, איז די צאָל יידן אין דער וועלט געפאַלן ביז אַן ערך 1½ מיליאָן; ערשט אַרום 1700־טן יאָר דערגרייכט נאָך אַמאָל די צאָל יידן בערך 2 מיליאָן. פון דעמאָלט אָן הייבט שוין אָן די צאָל יידן צו וואַקסן. אין משך פון 18־טן יאָרהונדערט גייט דער פּראָצעס נאָך לאַנגזאַם, ס'קומען צו קוים אַ 500–600 טויזנט.

דער וווּקס פון יידישן פאָלק אין 19־טן יאָרהונדערט. אין 19־טן יאָרהונדערט ווערט דער וווּקס אַלץ אינטענסיווער:

| יאָר | אַבסאָלוטע צאָל יידן | פּראָצענט |
|---|---|---|
| 1825 | 3.281.000 | 100,0 |
| 1850 | 4.764.500 | 145,2 |
| 1880 | 7.663.000 | 233,6 |
| 1900 | 10.602.500 | 323,1 |
| 1930 | 15.800.000 | 481,6 |

פאַר 105 יאָר האָט זיך דאָס יידישע פאָלק כמעט פאַרפינפאַכט, בשעת די גאַנצע מענטשהייט האָט זיך פאַר דער איינגער צייט נאָר אַביסל מער ווי פאַרטאָפּלט און די אייראָפּעישע באַפעלקערונג, צוגערעכנט די איינוווינער פון אַלע אין 19־טן יאָרהונדערט באַזעצטע איינוואַנדערונגס־לענדער, האָט זיך נאָר אַביסל מער ווי פאַרדרייפאַכט. דער צוואַקס ביים יידישן פאָלק האָט באַטראָפן:

| צייט־אָפּשניט | אַבסאָלוטע צאָל | יאָריקער דורכשניט | |
|---|---|---|---|
| | | אַבסאָלוט | אויף 1000 |
| 1850—1825 | 1.483.500 | 59.340 | 18,10 |
| 1880—1850 | 2.898.500 | 96.616 | 20,30 |
| 1900—1880 | 2.939.500 | 146.975 | 19,20 |
| 1930—1900 | 5.197.500 | 173.250 | 16,30 |

איצט קען מען רעכענען מיט אַ יאָריקן צוואַקס פון קרוב 200 טויזנט יידישע נפשות. ס'איז אָבער אָנצונעמען, אַז יידן האָבן דערגרייכט מיט דער דאָזיקער צאָל דעם העכסטן אַבסאָלוטן צוואַקס און אין די נאָענסטע יאָרן וועט דער וווּקס אָנהייבן פאַלן. רעלאַטיוו, אין פּראָצענטן גערעכנט, האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַלן דער יידישער נאַטירלעכער צוואַקס. ביז 1880 האָט דער וווּקס אויסגעמאַכט איבער 2% אָדער מער ווי 20 פון 1000, אין צוואַנציק יאָר אַרום איז ער געפאַלן אויף איין פּונקט און אין די לעצטע דרייסיק יאָר נאָך אויף דריי פּונקטן. דאָס זיינען אָבער די דורכשניטלעכע צוואַקס־קאָעפיציענטן פאַר גאַנצע צייט־אָפּשניטן. נעמט מען דעם סוף פון יעדן צייט־אָפּשניט, וועט דער יאָריקער צוואַקס זיין אַ סך נידעריקער. אַזוי מאַכט אויס דער דורכשניטלעכער צוואַקס פאַר די לעצטע 30 יאָר 16,30 פּראָ 1000 יידן, אָבער אין די לעצטע יאָרן אַליין מאַכט ער שוין אויס נאָר 12–13 פּראָ 1000 אין יאָר.

די סיבות פונעם גרעסערן נאַטירלעכן צוואַקס ביי יידן. דער גרויסער וווּקס פון יידישן פאָלק אין לעצטן יאָרהונדערט דערקלערט זיך דער עיקר מיט דעם, וואָס ביי יידן איז אין אַלע לענדער די שטאַרבלעכקייט געפאַלן אַ סך פריער און שטאַרקער ווי ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג. און הגם ביי יידן איז כמעט אומעטום געווען אַ קלענערע געבורטלעכקייט ווי ביי ניט־יידן, איז אָבער די שטאַרבלעכקייט געווען ביי זיי נאָך אַ סך קלענער, און דאָס האָט ניט בלויז געדעקט דער חסר פון דער קלענערער געבורטלעכקייט, נאָר האָט נאָך געבראַכט צו אַ גרעסערן נאַטירלעכן עודף ביי יידן. דער דאָזיקער חילוק צווישן יידן און ניט־יידן אין פּרט פון נאַטירלעכן צוואַקס האָט געהאַט פאָלגנדיקע אַלגעמיינע ריכטונג: ביי יידן האָט אָנגעהויבן צו פאַלן די שטאַרבלעכקייט שוין אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, בשעת ביים רוב ניט־יידישע פעלקער האָט דער שטאַרבלעכקייט־קאָעפיציענט, פאַרקערט, געהאַלטן דעמאָלט אין שטייגן, ווייל אין דער ערשטער תקופה פון אָנזאַמלען גרויסע מענטשן־מאַסן אין די שטעט איז דער פּראָצעס פאַר דער ניט־יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג באַגלייט געוואָרן מיט אַ העכערער קרענקלעכקייט און שטאַרבלעכקייט. אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, באַזונדערס צום סוף פון יאָרהונדערט, האָט אָנגעהויבן אינטענסיוו צו פאַלן די שטאַרבלעכקייט אויך ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג. אָבער אויך די געבורטן האָבן אָנגעהויבן ביי יידן צו פאַלן פריער ווי ביי ניט־יידן; ביי אַ טייל פון יידישן פאָלק — ביים מערב־אייראָפּעיִשן יידנטום האָט דאָס דאָזיקע פאַלן די לעצטע יאָרן אָנגענומען אַזאַ קאַטאַסטראָפאַלן כאַראַקטער, אַז די געבורטן דעקן שוין ניט די שטאַרבלעכקייט, וואָס האָט דאָך אין איר פאַלן נאַטירלעכע גרענעצן.

דער חילוק צווישן מערב־ און מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום. דער נאָר וואָס אָנגעמערקטער וועג איז געקומען פריער אין מערב־אייראָפּע און שפּעטער אין מזרח־אייראָפּע. אָבער די אַנטוויקלונגס־אינטענסיווקייט פון די דאָזיקע פּראָצעסן קומט פאָר אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, וואָס זיינען אין תוך פאַרבליבן אַגראַרלענדער מיט ווייניק גרויס־שטאָטישע קאַפּיטאַליסטישע אינזלען, גאַנץ אַנדערש ווי אין די אינדוסטריאַליזירטע און שטאַרק אורבאַניזירטע מערב־אייראָפּעיִשע לענדער. נאָך טיפער איז דער חילוק אין דער אינטענסיווקייט פון די דאָזיקע פּראָצעסן צווישן מזרח־אייראָפּעיִשן מאַסן־יידנטום מיט זיינע פּראָלעטאַרישע און פּראָלעטאַריזירטע מאַסן און דעם קליינעם מערב־אייראָפּעיִשן יידנטום מיט זיין הויכן פּראָצענט גרויס־ און מיטל־בירגערלעכע עלעמענטן, פּראָפעסיאָנעלער און ניי־




די פאַרטיילונג פון די יידן לויט די קאָנטינענטן אין 1825 און אין 1930 (אין אַבסאָלוטע צאָלן).




די פאַרטיילונג פון די יידן לויט די קאָנטינענטן אין 1825 און אין 1930 (אין פּראָצענטן צו דער אַלגעמיינער צאָל יידן).

סטיקער אינטעליגענץ, מיט זײַן אַלגעמײנעם הויכן מאַטעריעלן און קולטורעלן מצב. אויף אַזאַ אופן האָט זיך באַקומען, אַז װען בײַם מערב־אײראָפּעיִשן ײדנטום האָט שוין געהאַלטן דאָס פאַלן פון געבורטן װײַט בײַם אַריבעריאָגן דאָס פאַלן פון דער שטאַרבלעכקײט, איז בײַם מזרח־אײראָפּעיִשן ײדנטום נאָך געװען אַזאַ הויכע געבורט־קװאָטע, אַז זײער צװאַקס האָט דעמאָלט דװקא דערגרײכט זײַן העכסטע מדרגה פון צװאַנציק און מער פּראָ 1000; און אין די גאָר לעצטע יאָרן, װען בײַם מערב־אײראָפּעיִשן ײדנטום איז שוין אומעטום אַ מינוס אינם חילוק צװישן דער געבורטלעכקײט און שטאַרבלעכקײט, האַלט נאָך בײַם מזרח־אײראָפּעיִשן ײדנטום דער צװאַקס אויף אַ הײך צװישן 12 און 15 פּראָ 1000.

ײדן אין די אײַנװאַנדערונגס־לענדער. גאָר אַ נײַעם טיפּ שטעלט מיט זיך פאָר דאָס ײדנטום פון די אײַנװאַנדערונגס־לענדער. דאָ האָט זיך ראשית באַקומען אַ באַהעפט פון מערב־אײראָפּעיִשע און מזרח־אײראָפּעיִשע ײדן; שנית זײַנען באַשאַפן געװאָרן פאַר גרױסע ײדישע מאַסן גאָר נײַע עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבנס־באַדינגונגען. די דאָזיקע נײַע בעסערע לעבנס־באַדינגונגען האָבן שוין אין די ערשטע יאָרן אַ סך גורם געװען צו דער פאַרקלענערונג פון דער שטאַרבלעכקײט בײַ דעם כמעט דריטל פון ײדישן פאָלק, װאָס האָט זיך באַזעצט אין נײַע לענדער; זײ האָבן אָבער נאָך ניט אויפגעהויבן די גרױסע אײַנגעװאַנדערטע ײדישע מאַסן צו יענעם קולטורעלן מצב, װאָס ברענגט מיט זיך אַ פאַלן פון די געבורטן, הגם די אָנהײב־שפּורן פונם דאָזיקן אומפאַרמײַדלעכן פּראָצעס לאָזן זיך שוין פילן; דעריבער איז ביז דער לעצטער צײַט דער נאַטירלעכער צװאַקס אין אַלע אײַנװאַנדערונגס־לענדער געװען זײער אַ הויכער, אַפילו העכער װי בײַ די מזרח־אײראָפּעיִשע ײדן. — דער קאָלאָסאַלער נאַטירלעכער װוּקס פון ײדישן פאָלק איז געװיס געװען אײנער פון די װיכטיקסטע פאַקטאָרן, װאָס האָבן געטריבן די ײדישע מאַסן אין לעצטן יאָרהונדערט צו גרױסע מאַסן־איבערװאַנדערונגען און מאַסן־אויסװאַנדערונגען. אין די גרענעצן פון די מלוכות מיט קאָמפּאַקטע ײדישע מאַסן איז פאָרגעקומען אַ גרױסע אינעװײניקסטע איבערװאַנדערונג פון געדיכט באַזעצטע מקומות אין שיטער באַזעצטע מקומות אָדער פון אַגראַרישע ראַיאָנען אין אינדוסטריע־ראַיאָנען — פון ליטע, װײַסרוסלאַנד, מערב־ברעגיקער אוקראַינע און טײלװײַז פון קאָנגרעס־פּױלן זײַנען אין משך פון 19־טן יאָרהונדערט איבערגעפאָרן אין די נײַ־רוסישע און לינק־ברעגיקע אוקראַינישע גובערניעס עטלעכע הונדערט טויזנט ײדן; אין די לעצטע יאָרן פון דער מלחמה (1917) זײַנען אַריבערגעפאָרן פון די געװעזענע תחום־ראַיאָנען קײן צענטראַל־רוסלאַנד קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן ײדן. אין געװעזענעם עסטרײַך־אונגאַרן זײַנען אַ סך צענדליקער טויזנטער ײדן אַריבערגעװאַנדערט פון אונגאַרן און גאַליציע קײן װין און פון גאַליציע קײן בוקאָװינע, אין דײַטשלאַנד האָט כמעט דאָס גאַנצע פּױזענער ײדנטום, אַ גאַנץ גרױסע און געדיכטע ײדישע באַפעלקערונג, איבערגעװאַנדערט אין די אינדוסטריע־צענטערס, דער עיקר קײן בערלין.

נאָך װיכטיקער און באַדײַטנדיקער זײַנען געװען די אויסװאַנדערונגען פון אײן מלוכה אין אַן אַנדערער אין די ראַמען פון אײן און דעם זעלבן קאָנטינענט און דער עיקר די אויסװאַנדערונגען מעבר לים, װאָס האָבן קאַרדינאַל געענדערט די פאַרטײלונג פון ײדישן פאָלק איבער דער װעלט און זײַן פאַרשפּרײטונג איבער פאַרשײדענע מלוכות.

די פאַרטײלונג פון ײדישן פאָלק לויט קאָנטינענטן. די שינויים אין דער פאַרטײלונג פון ײדישן פאָלק אויף באַזונדערע ערד־טײלן:

| יאָר | | אײראָפּע | אַמעריקע | אַזיע | אַפריקע | אויס־טראַליע | סך־הכל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1825 | אַבס. | 2.730.000 | 10.000 | 300.000 | 240.000 | 1.000 | 3.281.000 |
| | % | 83,2 | 0,3 | 9,2 | 7,3 | — | 100,0 |
| 1880 | אַבס. | 6.751.000 | 300.000 | 350.000 | 280.000 | 12.000 | 7.663.000 |
| | % | 87,8 | 3,9 | 4,6 | 3,6 | 0,1 | 100,0 |
| 1930 | אַבס. | 9.560.000 | 5.000.000 | 742.000 | 468.000 | 30.000 | 15.800.000 |
| | % | 60,5 | 31,6 | 4,7 | 3,0 | 0,2 | 100,0 |

פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז שוין קלאָר, אַז אַ גרױסער טײל ײדן האָט זיך איבערגערוקט אין אַ קאָנטינענט מיט אַ הערשנדיקער ענגלישער קולטור. אָבער דער גאַנצער באַטײַט פונם אויסװאַנדערן מעבר לים און פונם איבערװאַנדערן פון אײניקע אײראָפּעיִשע מלוכות אין אַנדערע אײראָפּעיִשע מלוכות װערט אונז קלאָר, װען מיר צעטײלן אײראָפּע אין צװײ גרױסע טײלן: מזרח־אײראָפּע מיט דער סלאַװישער קולטור און מערב־אײראָפּע מיט דער הערשנדיקער דײַטש־ענגלישער קולטור. מיר באַקומען, אַז פון 100 ײדן האָבן געלעבט:

| | 1825 | 1930 |
|---|---|---|
| אין מזרח־אײראָפּע . . . . . . . . . . | 69,2 | 49,5 |
| אין אַזיע . . . . . . . . . . . . | 9,2 | 4,7 |
| אין אַפריקע . . . . . . . . . . . | 7,3 | 3,0 |
| **ס״ה אין פאַס פון סלאַװיש־אַראַבישער קולטור** | **85,7** | **57,2** |
| אין מערב־אײראָפּע . . . . . . . . . | 14,0 | 11,0 |
| אין אַמעריקע . . . . . . . . . . . | 0,3 | 31,6 |
| אין אויסטראַליע . . . . . . . . . . | — | 0,2 |
| **ס״ה אין פאַס פון דײַטש־ענגלישער קולטור** | **14,3** | **42,8** |
| סך־הכל . . . . . . . . . . | 100,0 | 100,0 |

דער איבערדרוק פון װירטשאַפטלעך, פּאָליטיש און קולטורעל אָפּגעשטאַנענע לענדער אין פּראָגרעסיװע לענדער איז זײער אַ באַדײַטנדיקער. מיט הונדערט יאָר צוריק האָבן מער פון 85 פּראָצענט ײדן געלעבט אין לענדער מיט אָפּגעשטאַנענער קולטור, איצט ניט מער װי 57%. אין די לענדער מיט אַן אַנטװיקלטער אינדוסטריע און מיט אַ הויכער פּאָליטישער און גײַסטיקער קולטור האָבן געלעבט צוריק מיט הונדערט יאָר נאָר אײן זיבטל פון אַלע ײדן און איצט מער פון צװײ פינפטל.

Arthur Ruppin: „Soziologie der Juden", Berlin 1930; יעקב לעשצינסקי: „די אַנטװיקלונג פון ײדישן פאָלק אין לעצטן יאָר־הונדערט" אין „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק", בערלין 1928; „בלעטער פאַר ײדישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק", בערלין 1923—1925; „Zeitschrift für Demographie und Statistik der Juden", Berlin 1925—1931.

יעקב לעשצינסקי

**יעקאַטערינאָסלאַװ** — זע דניעפּראָפּעטראָװסק.

**יעקאַטערינבורג** — זע סװערדלאָװסק.

**כאַזאַרן** (כוזרים) — אַ פאָלק פון טערקישער אָפּשטאַמונג אין דרום־רוסלאַנד, װאָס האָט אין 5־טן יאָרהונדערט דאָרט געגרינדעט אַ שטאַרקע מלוכה. די הויפּטשטאָט איז פריער געװען סעמענדער (דאַגעסטאַן), שפּעטער איטיל בײַם טײַך װאָלגאַ. די כ׳ האָבן געפירט גרױסע מלחמות מיט דער פּערסישער מלוכה און צײַטװײַליק פאַרנומען די טראַנסקאַװקאַזישע לענדער, אין יאָר 575 האָבן זײ פאַרנומען בײַ די גריכן גאַנץ קרים. די אַראַבער, װאָס

# קעראַמיק




1. שפּאַניש־מאַחריטאַנישער פּאַיאַנס־טעלער (15 י״ה); 2. דײַטשע אויוון־קאַכלע (16 י״ה); 3. פּאָרצעלײַ פֿון דער קיניגלעכער פּאָרצעלײַ־מאַנופֿאַקטור בערלין (1907); 4. פראַנצויזישער פּאַיאַנס, פּאַריז (1894); 5. פּאָרצעלײַ פֿון דער קאָפּנהאַגענער פּאָרצעלײַ־מאַנופֿאַקטור (1898); 6. יאַפּאַנישער פּאַיאַנס (18—19 י״ה); 7. איטאַליענישע מאַיאָליק־שיסל (פֿאַענצאַ, 1540); 8. טאַנאַגראַ־פיגור (אין אַלטן גריכנלאַנד); 9. גלאַזירטע וואַזע, פּאָרצעלײַ־מאַנופֿאַקטור בערלין; 10. פּאַיאַנס, דײַטשלאַנד (17 י״ה); 11. וועדזשוווד־קעראַמיק, ענגלאַנד (סוף 18 י״ה); 12. בעטגער־פּאַיאַנס, דײַטשלאַנד (1710); 13. פּאָרצעלײַ פֿון דער פּאָרצעלײַ־מאַנופֿאַקטור אין מײַסן, דײַטשלאַנד (1750); 14. פּאַיאַנס, דײַטשלאַנד (1907); 15. ליימענע וואַזע, דײַטשלאַנד (1900); 16. כינעזישער פּאָרצעלײַ (1730); 17. אַלט־גריכישע וואַזע; 18. דעלפֿטער פּאַיאַנס, האָלאַנד (1700).

זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין קאַווקאַז אין 654, האָבן געטראָפן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד די כ׳ און האָבן כמעט 100 יאָר געפירט מיט זיי מלחמות. כדי ניט צו ווערן אָפּהענגיק פון די גריכן און אַראַבער, האָבן די כ׳ מלכים ניט געוואָלט וויסן פון איסלאַם און קריסטנטום און האָבן אַרום 730 אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבן, וואָס ס׳איז זיי באַקאַנט געוואָרן דורך דער ייִדישער באַפעלקערונג אין קרים און אין דאַגעסטאַן און אויך דורך די ייִדישע סוחרים פון פּערסיע. אָבער צום ייִדישן גלויבן זײַנען צוגעשטאַנען נאָר די אויבערשטע שיכטן בראש מיטן אויבערהערשער (כאַקאַן), דעם מלך (בעג) און די פּריצים. זיי האָבן זיך אויך צונויפגעמישט מיט דער אָרטיקער ייִדישער באַפעלקערונג. דער איבערגאַנג צו דער ייִדישער אמונה איז פאָרגעקומען אין דער צײַט פון מלך בולאַן („דער קלוגער"), באַפעסטיקט זי האָט עובדיהו (סבריאל). די מלכים האָבן געזאָרגט צו באַפעסטיקן די אמונה און אײַנגעלאַדן תּלמידי־חכמים פון מעסאָפּאָטאַמיע. זיי האָבן זיך אייך געפילט פאַרבונדן מיטן וועלט־ייִדנטום. ווען די מוסולמענער האָבן אין 922 צעשטערט די בתי־מדרשים אין דאַגעסטאַן, האָט דער מלך אהרון צעשטערט דעם מינאַרעט אין איטיל, אויך אויף די רדיפות קעגן ייִדן אין ביזאַנץ אין 932 האָט מלך יוסף געענטפערט מיט רעפּרעסיעס אין קרים קעגן די גריכן. אין 9־טן און 10־טן יאָרהונדערט האָט זיך די כ׳ מלוכה פאַרשפּרייט אויף גאַנץ דרום־רוסלאַנד: פון וואָלגאַ ביזן דניעפּער און פון קאַווקאַז ביז אָקאַ. די גרעסטע שטעט און האַנדלס־צענטערס זײַנען געווען סעמענדער, איטיל, סאַמקאַרין (איצט קערטש) און סאַרקעל (איצט אַזאָוו). די באַדײַטונג פון די שטעט אין האַנדל צווישן אַזיע און אייראָפּע איז געווען זייער גרויס. אין צפון בײַם דניעפּער האָבן די כ׳ אויסגעבויט אַ פעסטונג, וואָס האָט געטראָגן צוויי פאַרשיידענע נעמען קייעב (קיעוו) און סאַמבאַט. — צום סוף 9־טן יאָרהונדערט איז אויסגעוואַקסן פאַר די כ׳ אַ שטאַרקער שונא — די נאָרמאַנען־רוסן, וואָס האָבן פאַראייניקט פיל סלאַווישע און פינישע פעלקער. זיי האָבן אײַנגענומען קיעוו און דעם געביט פון דניעפּער און בהדרגה דערגאַנגען ביז דעם שוואַרצן ים. דער גרויס־פירשט סוויאַטאָסלאַוו האָט אין 964–965 אײַנגענומען בײַ די כ׳ די ראַיאָנען פון אָקאַ און דאָן און צעשטערט סאַרקעל. מיט 4 יאָר שפּעטער האָבן די רוסן ווײַטער געמאַכט אַן איבערפאַל אויף איטיל און סעמענדער. די כאַזאַרישע מלוכה איז צעפאַלן געוואָרן, קרים איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן גריכן און רוסן, אין איטיל און דאַגעסטאַן האָבן זיך געבילדעט קליינע מלוכות. מיט דער מלחמה פון 969 איז אויך פאַרבונדן דער איבערגאַנג פון די כ׳ אין איטיל צום איסלאַם. פונדעסטוועגן איז אין איטיל, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען סאַקסין, נאָך געבליבן אַ ייִדישע באַפעלקערונג. מיר טרעפן אין 1150 אין טאָלעדאָ, אין שפּאַניע, כ׳ ייִדן פון וואָלגאַגעביט. אין דאַגעסטאַן איז פאַרבליבן אַן אומאָפּהענגיקע ייִדישע מלוכה ביז דעם אָנפאַל פון די טאָטערן אין 1223. דערמיט דערקלערט זיך די מיטלאַלטערלעכע מעשׂיות וועגן די 10 שבטים, וואָס וווינען בײַם קאַספּישן ים. די איצטיקע דאַגעסטאַנישע באַרג־ייִדן שטאַמען פון די כ׳ ייִדן. ס׳זײַנען נאָך אויך פאַרבליבן ייִדן אין מערב־טייל פון דער כ׳ מלוכה (אין קרים). זיי האָבן ניט געקענט אויסשטיין די רדיפות פון די גריכן און געמוזט אין 1097 אויסוואַנדערן דאָס רוב קיין קיעוו. רעשטלעך פון די כ׳ ייִדן קען מען זען אין די „קרימטשאַקעס", די קרימער ייִדן. - וועגן דער כאַזאַריש־ייִדישער מלוכה האָבן געהאַט ידיעות די ייִדן אין פּערסיע און מעסאָפּאָטאַמיע. זי ווערט דערמאָנט בײַ סעדיה גאון און בײַ קירקיסאַני, אויך די דײַטשע ייִדן, וואָס פלעגן פאָרן פון מײַנץ און רעגנסבורג קיין איטיל מיט האַנדלס־קאַראַוואַנען דורך פּראָג און קיעוו, האָבן פון איר געוווּסט. די רוסישע כראָניקעס דערמאָנען אויך וועגן די כ׳ ייִדן אין 10־טן יאָרהונדערט. אין שפּאַניע זײַנען געווען באַקאַנט די דערציילונגען פון אלדד הדני, אָבער מען האָט אים ווייניק געגלויבט. זיכערע ידיעות האָבן געבראַכט דעם ייִדישן מיניסטער חסדאי אבן שפּרוט אין קאָרדאָבאַ (10־טער יאָרהונדערט) ייִדישע סוחרים פון כאָראַסאַן. חסדאי האָט געשיקט אַ בריוו צום מלך יוסף, וואָס איז דערגאַנגען קיין איטיל דורך דעם דײַטשן ייִדן אליעזר בן יצחק. יוספס ענטפער גיט אונז אויספירלעכע ידיעות וועגן דער געשיכטע און דער געאָגראַפיע פון לאַנד. די בריוו זײַנען צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1577 פון יצחק עקריש. אַ לאַנגע צײַט האָט מען גערעכנט דעם בריוו פון מלך יוסף פאַר אַ געפעלשטן. מ׳האָט אָבער דערנאָך געפונען אַראַבישע ידיעות וועגן דער ייִדישער אמונה בײַ די כ׳, ס׳זײַנען אויך באַקאַנט געוואָרן ייִדישע מקורים, וואָס האָבן באַשטעטיקט דעם פאַקט. שפּעטער האָט דער קאַראַאימישער געלערנטער פירקאָוויטש געפונען אין מצרים אַ פולשטענדיקע ניט־געקירצטע רעדאַקציע פון דעם בריוו. נאָך מער ידיעות וועגן דער כ׳ מלוכה געפינען מיר אין דעם בריוו פון אַ כ׳ ייִדן, וואָס איז געפונען געוואָרן פון פּראָפ׳ מ. שעכטער אין דער גניזה פון פאָסטאַט. דערמיט זײַנען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע פריערדיקע ספקות וועגן דעם בריוו פון מלך יוסף.

S. Dubnow: „Weltgeschichte" IV; А. Гаркави: „Хозарския письма", Евр. Библиотека, VII—VIII; Ю. Бруцкус: „Письмо хозарского еврея", Берлин 1924.

ד"ר י. ברוצקוס

**לינקאָלן,** אַבראַהאַם (1865–1809) — דער 16־טער פּרעזידענט פון די *פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, איינער פון די גרעסטע היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן. זײַן נאָמען איז פאַרבונדן מיטן בירגער־קריג און דער באַפרייאונג פון *שקלאַפערײַ אין אַמעריקע. ל׳ איז געבוירן בײַ זייער אָרעמע עלטערן, האָט זײַנע יונגע יאָרן פאַרבראַכט בײַ שווערער פיזישער אַרבעט. שפּעטער האָט ער זיך אַבוסל אָפּגעגעבן מיט יוריספּרודענץ און געוואָרן אַן אַדוואָקאַט.



זײַן גאַנץ לעבן האָט ער זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטיק. אַ רויער, אָבער אײַנהאַלטסרײַכער רעדנער, אַן איבערגעוויינלעך פעיִקער פּאָליטיקער, אַ טיפּישער אַמעריקאַנער פון דער פּיאָנערן־עפּאָכע, האָט ער געהאַט אַ געוואַלדיקן אײַנפלוס אויף די בירגער אין אילינאָיס. דערצו האָט מיטגעהאָלפן זײַן מערקווירדיקער כאַראַקטער — אַ קאָמבינאַציע פון ערנסטער מעלאַנכאָליע מיט פאָלקסטימלעכן הומאָר, פיל נאַטירלעכער חכמה און מענטשן־ליבע. — אינגיכן איז ער געוואָרן מיטגליד פון דער שטאַטס־לעגיסלאַטור פון אילינאָיס און שפּעטער אויך אַ דעפּוטאַט פון רעפּרעזענטאַנטן־הויז אין וואַשינגטאָן. די צײַט, ווען ל׳ איז אַקטיוו אַרײַן אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק, איז געווען אָנגעפילט מיטן קאַמף פאַר עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הערשאַפט צווישן די צפון־שטאַטן און דרום־שטאַטן. אין דעם דאָזיקן

טער דעם דרוק פון דער שווערער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער רעאַקציע, וואָס האָט געהערשט דעמאָלט בשעת דער ממשלה פון ניקאָלאַי דעם I. די רעאַקציע האָט זיך באַזונדערס שטאַרק אָפּגערופן אויף דער פּריצישער „דוואָריאַנסקער" אינטעליגענץ, וואָס איז דעמאָלט געווען אין רוסלאַנד דער איינציקער טרעגער פון ליבעראַלע און מערב־אייראָפּעישע אידעען. דער העלדישער דור, וואָס האָט אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם I אונטער דער השפּעה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע זיך אַרומגעטראָגן מיט דעמאָקראַטישע און טיילמאָל מיט רעוואָלוציאָנערע פּלענער און האָט אַפילו געפּרוּווט צו מאַכן אַ מיליטערישן אויפשטאַנד („דעקאַבריסטן"), איז אַראָפּ פון סצענע. אויף זיין אָרט איז געקומען אַ נייער דור, וואָס האָט פאַרראָטן די אַלטע טראַדיציעס און האָט געפירט אַ פּוסט, ווילאָז לעבן. ל' איז פול מיט ביטערקייט קעגן דעם דאָזיקן שוואַכן, אָפּהענטיקן, זאַפטלאָזן דור (דאָס ליד: „מיט טרויער קוק איך אויף אונזער היינטיקן דור"...) און אַנטלויפט גייסטיק פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט אין ראָמאַנטישע חלומות. זיין ראָמאַנטיזם דריקט זיך אויס באַזונדערס בולט אין זיינע קאַווקאַזישע פּאָעמעס („כאַדזשי אַברעק", 1834), ווו ער אידעאַליזירט די נאַטור־עכטע פלאַמענדיקע ליידנשאַפטן פון די קאַווקאַזער בערג־איינוווינער. אין זיין ערשטן און קלאַסיש־געוואָרענעם פּראָזע־ווערק „אַ העלד פון אונזער צייט" שילדערט ער, אין 6 דערציילונגען, געשריבן אין פאָרם פון טאָג־ביכער, די געשיכטע פון אַ יונגן אָפיציר פּעטשאָרין — אַ טיפּישן פאַרטרעטער פון „יונגן דור": אַ מענטש מיט שטאַרקע געפילן, אָבער אָן אידעאַלן און אָן אַ צוועק אין לעבן, אַ פּוסטן עגאָאיסט, וואָס גיט אָפּ זיינע פעיִקייטן און זיין לעבן אויף נאַרישע ליבע־אינטריגעס און באַרימערישע אַוואַנטיורעס. אין פּעטשאָרינס לעבנס־גאַנג און לעבנס־פילאָסאָפיע האָט ל' אַריינגעטראָגן זייער פיל אויטאָ־ביאָגראַפישע שטריכן. קורץ פאַר זיין טויט האָט ל' אַרויסגעלאָזן אַ העפט לירישע לידער, צווישן זיי אויך די קלאַסיש־געוואָרענע פּאָעמע „דעמאָן", ווו ער שילדערט די טראַגישע ליבע צווישן אַ בייזן הימל־גייסט, אַ דעמאָן, אַ רעוואָלוציאָנער קעגן גאָט, מיט אַן ערדישער פרוי, דער גרוזינערין טאַמאַראַ. — ל' האָט אויך געשריבן אויף יידישע טעמעס: די פּאָעמע „שפּאַניער" אונטער דער ווירקונג פון לעסינגס „נאַטאַן דער ווייזע" און אַ פּאָר באַלאַדן לויט באַיראָנען. — ל'־ס ליטעראַרישע ירושה האָט צוגלייך מיט פּושקינס ווערק דערהויבן די רוסישע דיכטונג צו אַן ערשטקלאַסיקער מדרגה.

אויף יידיש זיינען מערערע לידער און פּאָעמעס איבערגעזעצט געוואָרן דורך א. י. גראָדזענסקי, ד. טשאַרני, ז. סעגאַלאָוויטש (אַנטאָלאָגיע „פרעמדס", מאָסקווע 1918), ב. לאַפּין („רוסישע ליריק", ניו־יאָרק 1919), ל. ניידוס („רוסישע דיכטונג", וואַרשע 1926).

וועגן ל': ש. ניגער אין דער „יידישער וועלט", ווילנע, מערץ 1915.

ד. טשאַרני

**מאָטאָרן** (לאַטייניש — באַוועגער) — קראַפט־מאַשינעס; מאַשינעס, וואָס פאַרוואַנדלען פאַרשיידענע מינים ענערגיע אין מעכאַנישער ענערגיע אויף צו ברענגען אין באַוועגונג אַרבעט־מאַשינעס אָדער מיטלען פון קאָמוניקאַציע. לויט די קוואַלן פון ענערגיע אונטערשיידט מען *וואַסער־מ', *ווינט־מ', עלעקטרישע מ' (*עלעקטראָמאָטאָרן) און ברען־מ'. צו מ' געהערט אויך אייגנטלעך די *דאַמף־מאַשין, נאָר אין געוויינלעכן שפּראַך־געברויך באַצייכנט מען אַלס מ' אויסשליסלעך יענע קראַפט־מאַשינעס, ווו די פאַרברענונג קומט פאָר אינעווייניק אין צילינדער פון דער קראַפט־מאַשין. — ווערליק דעם פאַרברויכטן ברען־מאַטעריאַל אונטערשיידט מען גאַז־מ' און מ' פאַר פליסיקע ברען־שטאָפן. די ערשטע פּראַקטיש געברויכלעכע גאַז־מ' האָט אין 1860 געשאַפן דער פראַנצויז לענואַר, 1867 האָבן די דייטשן אָטאָ און לאַנגען אויסגעבויט דעם אַזוי גערופענעם אַטמאָספערישן גאַז־מ', סוף 19־טן יאָרהונדערט זיינען אויפגעקומען די בענזין־מ' פאַר דער אויטאָ־קאָמוניקאַציע, 1900 האָט *דיזעל אויסגעבויט דעם ערשטן דיזעל־מ'. די מעלה פון מ' אַקעגן דער עלטערער דאַמף־מאַשין באַשטייט ערשטנס דערין, וואָס דער מ' נוצט אויס בעסער די ענערגיע פון דעם ברען־שטאָף. אַ געוויינלעכע דאַמף־מאַשין פאַרברויכט אויף 1 פערד־קראַפט־שעה 7—10 טויזנט איינהייטן וואַרעמקייט, אַ דאַמף־טורבינע — 4—7 טויזנט, אַ גאַז־מ' נישט מערער ווי 2.300—2.600 און אַ דיזעל־מ' כ"ה ביז 2 טויזנט; צווייטנס האָבן די מ' אַ קלענערן געוויכט און פאַרנעמען ווייניקער רוים, וואָס איז באַזונדערס וויכטיק פאַר צוועקן פון קאָמוניקאַציע. ביי די נייע מ' פאַר עראָפּלאַנען קומט אויס ווייניקער ווי 1 קילאָגראַם געוויכט אויף 1 פערד־קראַפט. אויך זיינען זיי עקאָנאָמישער אין פאַלן, ווען עס קומט אויס צו אַרבעטן מיט גרויסע הפסקות אָדער ווען עס האַנדלט זיך וועגן קליינע לייסטונגען. — די ערשטע מ' זיינען געווען גאַז־מ', וואָס האָבן געאַרבעט אויף ליכט־גאַז. כדי נישט צו זיין אָפּהענגיק פון אַ גאַז־צענטראַלע, האָט מען אָנגעהויבן צו בויען מ' מיט גאַז־גענעראַטאָרן, ד"ה מכשירים אויף צו פאַרוואַנדלען אין גאַז שטיין־קוילן, האָלץ־קוילן, האָלץ אד"ג. באַזונדערס פּראַקטיש זיינען גאַז־מ', וואָס נוצן אויס די גאַזן פון די שמעלץ־אויוונס און קאָקס־אויוונס. גרויסע גאַז־מ' זיינען דעריבער פאַרשפּרייט אין אייזן־הוטעס. פאַר צוועקן פון קאָמוניקאַציע ווערן אויסנאַמסווייז גענוצט מ' מיט גאַז־גענעראַטאָרן, דאָ קומען אין באַטראַכט כמעט אויסשליסלעך מ', וואָס גייען אויף לייכטע ברען־אוילן (בענזין, בענזאָל אָדער אַ געמיש פון די דאָזיקע פליסיקייטן מיט אַלקאָהאָל). אַזוינע מ' אונטערשיידן זיך פון די גאַז־מ' דערמיט, וואָס זיי מוזן האָבן אַ צוגאָב־מכשיר אויף צו פאַרוואַנדלען דעם פליסיקן ברען־שטאָף אין גאַז. דאָס איז דער קאַרבוראַטאָר אָדער פאַרגאַזער, וואָס דערלאַנגט אין צילינדער אַריין אַ געמיש פון לופט מיט צעשטויבטער פליסיקייט. מחמת דער צעשטויבונג פאַרוואַנדלט זיך די פליסיקייט אין גאַז און די פאַרברענונג קומט פאָר ווי אין אַ גאַז־מ'. אַ מ' באַשטייט פון איינעם אָדער עטלעכע צילינדערס, ווו עס קומט פאָר די פאַרברענונג. די קאָלבנס פון אַלע צילינדערס אַרבעטן אויף איין וואַל. די איינפאַכסטע קאָנסטרוקציע פון אַ 1־צילינדריקן מ' איז פאָלגנדיקע: דער צילינדער איז פון אויבן געשלאָסן מיט אַ דעקל און אין צילינדער באַוועגט זיך אַ קאָלבן. דער קאָלבן איז דורך שטאַנגען פאַרבונדן מיטן וואַל, און דער וואַל ברענגט אין באַוועגונג די מאַשין אָדער די רעדער. אין אויבערשטן דעקל, אין דעם קאָפּ, פון צילינדער זיינען פאַראַן עפענונגען מיט קלאַפּעס (ווענטילן): איין עפענונג פאַרן ברען־מאַטעריאַל, די צווייטע פאַר די אָפּגעאַרבעטע ברען־גאַזן. אין קאָפּ פון צילינדער געפינט זיך אויך דער מכשיר אויף אָנצינדן דעם ברען־שטאָף (פריער פלעגט מען אין גאַז־מ' נוצן פאָרצעלייענע גלי־ליכט, איצט נוצט מען כמעט אויסשליסלעך מאַגנעט־עלעקטרישע צינדערס, וואָס גיבן אַן עלעקטרישן פונק). פון איטלעכע פיר באַוועגונגען פון דעם קאָלבן ליווערט נאָר איינע אַרבעט און דערפון נעמט זיך די באַצייכענונג פיר־טאַקט־מ'. אויף ציכנ' 1 זיינען פאָרגעשטעלט די 4 נאָכאַנאַנדעריקע גענג אָדער טאַקטן פון דעם מ'. ביים ערשטן טאַקט גייט דער

קאָלבן אויף אַראָפּ, דער צילינדער ווערט אָנגעפילט מיטן ברען־שטאָף ביז וואַנען דער קאָלבן דערגייט צו זיין אונטערשטער פּאָזיציע און שליסט דעם ווענטיל a אין דער עפענונג פאַרן ברען־שטאָף. איצט גייט דער קאָלבן אויף אַרויף (צווייטער טאַקט), פּרעסט צונויף דעם גאַז־געמיש אין צילינדער. אין דעם מאָמענט פון גרעסטער צונויפפּרעסונג ווערט דער ברען־שטאָף אין צילינדער אָנגעצונדן (אָנהויב פון דריטן טאַקט), עס קומט פאָר זייער אַ גיכע פאַרברענונג פון דעם גאַז־געמיש, ענלעך צו אַן אויפרייַס (דערפאַר רופט מען די מ׳ אויך אויפרייַס־מ׳) און דער קאָלבן ווערט געשטויסן אויף אונטן. דאָס איז דער דריטער טאַקט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די אייגנטלעכע אַרבעט־באַוועגונג. ווען דער קאָלבן דערגרייכט צו זיין נידעריקסטער לאַגע, עפנט זיך דער ווענטיל b פון דער צווייטער עפענונג און דער קאָלבן שטופּט אַרויס די אָפּגעאַרבעטע גאַזן (פערטער טאַקט). עס




סכעמאַטישע פאָרשטעלונג פון די 4 טאַקטן אין אַ צילינדער:
1) ערשטער טאַקט: דער קאָלבן גייט אַראָפּ, דער ווענטיל a איז אָפן, אין צילינדער שטראָמט אַרייַן ברען־שטאָף. 2) דער קאָלבן גייט אַרויף, ביידע ווענטילן זייַנען פאַרמאַכט, דער ברען־שטאָף ווערט צונויפגעפּרעסט. 3) דער צינדער c צינדט אָן דעם ברען־שטאָף־געמיש, די אויפרייַסונג טרייַבט אַראָפּ דעם קאָלבן (אַרבעט־טאַקט). 4) דער ווענטיל b עפנט זיך, דער קאָלבן גייט אַרויף, אַרויסשטויסנדיק די פאַרברענטע גאַזן.

ווערט ווידער אַרייַנגעלאָזן ברען־מאַטעריאַל און אַזוי כסדר. אין אַ 4־טאַקט־מ׳ ווערט אויסגעטאָן נוציקע אַרבעט ערשט ביי יעדן פערטן גאַנג פון דעם קאָלבן און בײַ יעדער צווייטער אַרומדרייונג פון דעם וואַל. כדי אויסצומייַדן דעם דאָזיקן חסרון, ווערן געבויט טאָפּלט־ווירקנדיקע מ׳, ווו דער קאָלבן באַוועגט זיך אין אַ טאָפּלט־צילינדער. אייבער דעם ווערן געבויט 2־טאַקט־מ׳, ווו די נוציקע אַרבעט ווערט אָפּגעטאָן ביי יעדן צווייטן גאַנג אָדער טאַקט פון קאָלבן. די צוויי־טאַקט־מ׳ קענען אויך זיין טאָפּלט־ווירקנדיקע. — די בענזין־מ׳ און אַנדערע מ׳ פאַר פליסיקע ברען־אייַלן האָבן דעם חסרון, וואָס דער ברען־מאַטעריאַל קאָסט טייער און קען לייַכט אויפרייַסן. פון די דאָזיקע ביידע חסרונות איז פרייַ דער דיזעל־מ׳. דער דיזעל־מ׳ נוציקט זיך נישט אין קיין קאַרבוראַטאָר און אויך נישט אין קיין צינד־אַפּאַראַט. זייַן אַרבעט קומט פאָר אַזוי. בייַם ערשטן טאַקט זויגט אַרייַן דער קאָלבן ריינע לופט. בייַם צווייטן טאַקט ווערט די לופט צונויפגעפּרעסט ביז צו אַן ערך 40 אַטמאָספער, און דורך דעם אַנטשטייט אַ טעמפּעראַטור העכער 600 גראַד. בייַם דריטן גאַנג ווערט אייַנגעשפּריצט אין צילינדער די צעשטויבטע ברען־פליסיקייט, וואָס צינדט זיך אָן פון זיך אַליין צוליב דער גרויסער היץ אין צילינדער און ווערט פאַרברענט. בייַם פערטן טאַקט ווערן די אָפּגעאַרבעטע גאַזן אַרויסגעשטויסן פון צילינדער ענלעך ווי אין די אַנדערע מ׳. די ערשטע דיזעל־מ׳ האָבן געהאַט דרייַ פּאָמפּעס: אַ פּאָמפּע אויף צו דערלאַנגען די ברען־פליסיקייט, אַ פּאָמפּע פאַר שוואַך־געפּרעסטער לופט אויף צו רייניקן (אויסבלאָזן) דעם צילינדער און אַ פּאָמפּע פאַר געפּרעסטער לופט ביז 50—60 אַטמאָספער (קאָמפּרעסאָר) אויף אַרייַנצופּרעסן די ברען־פליסיקייט אין צילינדער. די דאָזיקע צוגאָב־מאַשינעס זייַנען אין די נייַסטע קאָנסטרוקציעס אויסגעמיטן געוואָרן און די פאַרבעסערטע דיזעל־מ׳ אָן קאָמפּרעסאָרן ווערן דעריבער




אַ 4־צילינדער אויטאָמאָביל־מאָטאָר:
1) דער צילינדער־בלאָק מיט אַן אַראָפּגענומענעם דעקל. אין איין צילינדער איז אַרייַנגעשטעלט אַ מאָס־אינסטרומענט אויף צו קאָנטראָלירן די מאָסן. 2) אַ קאָלבן מיט קאָלבן־רינגען a און מיט דעם שטאַנג b, וואָס פאַרבינדט אים מיטן וואַל. 3) דער וואַל, אויף וועלכן עס זיצן די שטאַנגען פון די פיר צילינדערס.

אַלין מערער פאַרשפּרייט. — עקאָנאָמישער פון אַלין וואָלטן געווען מ׳ מיט קוילן־שטויב ווי אַ ברען־שטאָף. די פאָרשונגען אין דער ריכטונג פון שאַפן אַזוינע מ׳ ווערן געפירט זינט 1920 און האָבן געגעבן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. 1930 האָבן אייניקע פאַבריקן אָנגעהויבן צו בויען קוילן־שטויב־מ׳, אויפן מאַרק האָבן זיי דערווייַל זיך נאָך ניט באַוויזן.

י. יאַשונסקי

## מאָנטעסאָרי, מאַריע

— געבוירן 1869, אַ באַרימטע איטאַליעניש פּעדאַגאָגין. געווען צוערשט אַ דאָקטאָר אין אַ קליניק פאַר אומנאָרמאַלע קינדער, שפּעטער איבערגעגאַנגען צו פּעדאַגאָגישער טעטיקייט צווישן נאָרמאַלע קינדער, האָט אייַנגעפירט אַ נייַע סיסטעם פון ערציִונג פון קליינע קינדער אין דעם בייזשול־עלטער, וואָס האָט באַקומען איר נאָמען (* מ׳־סיסטעם). די ערשטע שול, וואָס איז געפירט געוואָרן לויט דער דאָזיקער סיסטעם פון מאַריע מ׳, איז געגרינדעט געוואָרן אין רוים אין 1907 אונטער דעם נאָמען „הויז פון קינד" („קאַזאַ דעי באַמביני").

## מאָנטעסאָרי־סיסטעם

— אַ סיסטעם פון ערציִען קליינע קינדער דורך זעלבסטטעטיקייט צו זעלבשטענדיקייט. אין יסוד פון מ׳־סיסטעם ליגט די „סענסאָרע קולטור", די קולטור פון אויפנעמען די אויסערלעכע וועלט. צו דעם צוועק זאָל אין קינדערהיים דינען דער „ד י ד אַ ק ט י ש ע ר מ אַ ט ע־

ר י אַ ל", וואָס איז צוגעטראַכט און אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך מ'. דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז באַשטימט אויף צו ערציִען דעם קינדס חוש־אָ ר ג אַ נ ע ן, ער שטעלט פאָר אַ קאָלעקציע פון געגנשטאַנדן צום „טרעניר̃ן" די חושים פון זען און הערן, פון געשמאַק און ריח, פון פאַרנעם און וואָג, פון טערמיש און מיכקול־געפיל אאַ"וו. דער מאַטעריאַל באַשטייט בעיקר פון פאַרשיידענע געאָמעטרישע קערפערס און פלאַכן: ברעטלעך, ציגעלעך, קוביקלעך, פריזמעס, קאַרטלעך אאַ"וו, וואָס זיינען אין אַלע איינצלהייטן דורכגעטראַכט און צוגעטראַכט צו באַשטימטע אויפגאַבעס. „שפּילנדיק" לערנט זיך דאָס קינד צו באַנעמען אַלע איינגישאַפטן פונס קערפער, דערביי איז דאָס באַאויבאַכטונגס־פעלד זייער ברייט: יעדער מין מאַטעריאַל קומט פאָר אָפּט אין אַ צאָל פון 32 ביז 64 שטיק, עס באַקומט זיך אַ צאָלרייכע גאַמע פון פאַרשיידענע פאַרנעמען, הייכן, גרעבן, שווערקייטן; די איבערגאַנגען פון איין גרויס, פאַרב אָדער וואָג צו דער צווייטער זיינען זייער דיפע רענצירט — דאָס קינד ווערט אַוועקגעשטעלט פנים אל פנים מיטן ריינעם „דידאַקטישן" מאַטעריאַל און מוז אינגאַנצן זעלבשטענדיק אַרבעטן איבער אים. די אָנפירערין שטייט אָן אַ זייט. אַלין איז אויסגערעכנט אויף דער זעלבסטערציִונג פון קינד. זיין אַרבעט איבערן מאַטעריאַל דאַרף ברענגען צו דער אַנטוויקלונג פון זיין באַאויבאַכטונגס־פעִיקייט. ער דאַרף אַליין אַנטדעקן פאַר זיך די אַרומיקע וועלט און אירע „געזעצן". דער דידאַקטישער מאַטעריאַל קאָנטראָלירט אַליין און פאַרריכט דעם קינדס פעלערן. אַלס רעזולטאַט פון דעם קומט דעם קינדס פעִיקייט צו קאָאָרדינירן זיינע באַוועגונגען. ערציִענדיק דעם קינדס געפילן און באַנעמונגען, ערציט די מ'־סיסטעם די אויפמערקזאַמקייט אין קינד, אויך זיין ווילן און זכרון. אויפן ערשטן פלאַן ביי דער גאַנצער אַרבעט שטייען רעאַלע זאַכן; דאָס וואָרט קומט אויפן צווייטן פלאַן. די עצם אַרבעט פירט דורך דאָס קינד נאָך איידער ס'ווייסט די נעמען פאַר די אַלע באַגריפן (גראָב, גלאַט, דין אאַ"וו). די אָנפירערין גיט דעם קינד די נאָמענקלאַטור צוביסלעכווייז, אַנב־אורחאדיק און שפּעטער, נאָכן באַהערשן שוין די עצם ערשיינונגען. — די מ'־סיסטעם האָט געהאַט זייער אַ גרויסן ערפאָלג אין דער גאַנצער וועלט און איז איינגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסער צאָל קינדערהיימען, קינדער־גערטנער וכד'. — די קריטיקער פון מ'־סיסטעם ווייזן אָן פאָלגנדיקע ה ו י פּ ט ־ ח ס ר ו נ ו ת : מ' איגנאָרירט אינגאַנצן דעם קינדס עמאָציאָנעלע ספערע, זיינע אינסטינקטן, דערשאַצט ניט די קינדערישע פאַנטאַזיע און שפּילן. די גאַנצע אַטמאָספערע פון מ'־ס קינדערהיים איז קינסטלעך (ביים איבן איינקע חושים פאַרבינדט מען דעם קינד די אויגן, מען „איזאָלירט" דעם חוש). דאָס קינד ווערט אָפּגעריסן פון דער גרויסער וועלט און אירווירקלעכקייט. אויך אין מ'־ס מעטאָדיק פון לייענען, שרייבן און ציישענען זיינען פאַראַן די זעלבע פעלערן: די קינדער צייכענען לויט געגעבענע שאַבלאָנען; דאָס לייענען גייט פון איינצלנעם (קלאַנג, בוכשטאַב) צום גאַנצן (וואָרט, זאַץ). ניט געקוקט אויף דעם, איז מ'־ס פּרינציפּ וועגן אינדיווידועלער אַרבעט פון קינד שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן דורך די שפּעטערדיקע פּעדאַגאָגן (* ד אַ ל ט אָ ן ־ ס י ס ט ע ם).

Dr. Felicja Pinesowa: „System wychowawczy Dr. Marji Montessori"; Ю. И. Фаусек: „Детский сад Монтессори".

ל. ד.: „די סיסטעם פון מאָנטעסאָרי", „די נייַע שול" 1927, ז. 152—147 און 212—226.

ח. ש. קאַזשדאַן

**מוווי** (ענגל') — קינעמאַטאָגראַף. ווערט געברויכט אין אַמעריקאַנער יידיש.

**נאָמבערג,** ה ע ר ש ־ ד ו ד (1927—1874) — באַוווּסטער יידישער שריפטשטעלער און פּובליציסט. געבוירן אין אַמשינאָוו, וואַרשעווער געגנט, אין אַ יחוסדיקער משפּחה, ערצויגן אין שטרענג חסידישן גייסט, אין דער יוגנט געשעצט פאַר אַן עלוי, שפּעטער האָט ער אונטער דער השפּעה פון דער העברעיִשער ליטעראַטור זיך גענומען פאַר זעלבסט־בילדונג. פאַר „אַפּיקורסות" געצוווּנגען געווען שוין אַלס אַ טאַטע פון דריי זין זיך צעשיידן מיט זיין פרוי.



1897 אַוועק קיין וואַרשע, ווו אונטער דער ווירקונג פון י. ל. פּרץ אויפגעהערט צו שרייבן העברעיִשע שירים און אָנגעהויבן זיינע ליטעראַרישע פּרווון אויף יידיש. — דעביוטירט מיט אַ ליד „דער נביא" אין „יוד" 1900 און מיט אַ מעשהלע „דאָס גליק" אין א. רייזענס זאַמלבוך „דאָס 20־סטע יאָרהונדערט". דעמאָלט אויך אָנגעשריבן פאַר אַן אומלעגאַלער זאַמלונג צום 1־טן מאַי דאָס ליד „ס'לויפן, ס'יאָגן שוואַרצע וואָלקן", וואָס איז זייער פּאָפּולער געוואָרן אין די קרייזן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. נ' האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זיינע נאָוועלן אין „יוד" און אין דער פּרישמאַנס „הדור", באַזונדערס אָבער מיט זיין גרייסער דערציילונג „פליגעלמאַן". ער הויבט זיך אָן אַלץ מער און מער אָפּגעבן מיט זשורנאַליסטיק, לכתחילה אַלס מיטאַרבעטער (אַ געוויסע צייט אויך רעדאַקטאָר) פון „הצפה" און שפּעטער פון פאַרשיידענע אַנדערע יידישע און העברעיִשע אויסגאַבעס: 1910—1912 פון „פריינד", דערנאָך פון „הייַנט", בשעת דער מלחמה (רעדאַקטאָר) פון „וואַרשעווער טאַגעבלאַט", די לעצטע 10 יאָר פון זיין לעבן פון „מאָמענט". דערציילונגען פאַרעפנטלעכט ער בלויז פון צייט צו צייט. — איינער פון די טאָן־געבער פון דער יידישער שפּראַך קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ 1908, אויטאָר פון איר רעזאָלוציע וועגן יידיש אַלס „אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק", איז נ' פון דעמאָלט אָן געווען אַקטיוו אין דער יידישער קולטור־באַוועגונג, בפרט פון די מלחמה־יאָרן אָן, ווען ער איז געוואָרן איינער פון די וואָרט־פירער פון דעם פ אָ ל ק י ז ם. אַלס פּובליציסט געטריי געדינט דער ניי אויפגעקומענער יידישער שול־באַוועגונג, 1919—1922 געווען פאָרשטייער פון דער פאָלקס־פאַרטיי אין דעם קאָנסטיטוירנדיקן סיים פון דער פוילישער רעפּובליק. — פון נ'־ס נאָוועלן באַרירן נאָר ווייניקע דעם אַלטן יידישן לעבנס שטייגער. דער גרעסטער טייל פון זיינע דערציילונגען באַצייכענען אין דער יידישער ליטעראַטור דעם איבערגאַנג פון די כלל־מאָטיוון צו דער אינעווייניקסטער וועלט פון דעם יחיד. דאָס נ י י ע, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן אין דער יידישער ליטעראַטור, איז געווען די שילדערונג פון דעם יידישן אינטעליגענט, דערהויפּט — דעם דעקלאַסירטן, דעם לערער, דעם עקסטערן, דער קורסיסטין. זיין „פליגעלמאַן" איז געוואָרן די באַצייכענונג פאַר דעם טיפּ מידע אומבאַהאָלפענע מענטשן, אָן קראַפט און אָן ווילן, גריבלער און סקעפּטיקער, העלדן פון פּאַסיווע ליידן, מיט אַ בענקשאַפט נאָך שטילער פאַרגליווערטער רו. אַליין אָבער אַן אַקטיווע

לעבנס-לוסטיקע נאַטור, האָט נ׳ אויך געפּרוּווט וועקן אינטערעס פאַר דער נײַער קעמפנדיקער יידישער אינטעליגענץ, פאַר דער מאָדערנער יידישער פרוי. זײַן איינציקע דראַמע „די משפּחה" (1913), וווּ ער שילדערט די גײַסטיקע צעפאַלונג פון דעם יידישן באַלעבאַטישן הויז, די דעמאָראַליזאַציע פונם באַלעבעסלדיקן אינטעליגענט (נאָך דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע), איז גלײַכצײַטיק אויך אַ פּרוּוו צו געבן אַ פּאָזיטיווע געשטאַלט פון דער יידישער אינטעליגענץ אין דער פּערזאָן פון עליאַש, וואָס איז אמת אַרויס צו בלאַס און סכעמאַטיש; די פּיעסע, וואָס האָט מער אַ געזעלשאַפטלעכן אינטערעס איידער אַ קינסטלערישן, איז אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע. — פײַנער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, געלאַסענער טאָן און קלאָרער אײַנגעהאַלטענער סטיל זײַנען די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון נ׳ דעם דערציילער. אין דער שילדערונג פון זײַנע אָרעמע שטאָלצע העלדן פילט זיך אַ קלוגע קילע איראָניע, דער ריטם פון מידן טרויער, באַהעפט מיט אַ ווייכן ליריזם, קומט אַמאָל צום אויסדרוק דער אייגנאַרטיקער נ׳-הומאָר („שייקער און שלימזל"). אַ מענטש פון שאַרפן אינטעלעקט, מיט אַ פײַנעם הויש און ערנסט פאַר די ערשײַנונגען פון ליטעראַטור און לעבן און פאַר אונזערע קולטור-פּראָבלעמען, איז נ׳ געווען איינער פון די גלענצנדסטע יידישע פעליעטאָניסטן. נ׳ האָט אויך איבערגעזעצט שעקספּירס „ראָמעאָ און יוליאַ" (ניט פאַרענדיקט), האַופּטמאַנס „פורמאַן הענשעל", טאַגאָרס „שפּעטזומער" און „טויזנט און איין נאַכט".

די ערשטע אויסגאַבע פון נ׳-ס ווערק איז אַרויס אין 5 בענד; די נײַע אויסגאַבע איז נאָך ניט פאַרענדיקט (ערשינען 9 בענד). אַן אויסוואַל פון זײַנע הונדערטער אַרטיקלען און עסייען איז „דאָס בוך פעליעטאָנען". די איינדרוקן און בילדער פון זײַן ארץ ישראל-רײַזע גייען אַרײַן אין זײַן בוך „ארץ-ישראל". — אייניקע דערציילונגען נ׳-ס זײַנען איבערגעזעצט אויף רוסיש, דײַטש (פליגעלמאַן), פויליש א"א. פון זײַנע ווערק אין העברעיִש זײַנען אַרויס אַ זאַמלונג דערציילונגען „כתבים" און אַ זאַמלונג קינדער-דערציילונגען.

וועגן נ׳: ז. רייזען, לעקסיקאָן 2; בעל-מחשבות: „געקליבענע שריפטן" 1; ש. ניגער: „וועגן יידישע שרייבער" 2; לעאָ קעניג: „שרײַבער און ווערק"; י. י. טרונק: „צווישן ווילן און אוממעגלעכקייט".

ז. רייזען

**נאָמינירן** אָנרופן (אַלס קאַנדידאַט), באַשטימען (אַלס באַאַמטן).

**נאַצמינד** — אָפּקירצונג פון די ווערטער נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין ראַטן-פאַרבאַנד.

**נאָרדאַו**, מאַקס (פּס׳ פון שמעון מאיר זידפעלד, 1849—1923) — געבוירן אין בודאַפּעשט בײַ אָרטאָדאָקסישע עלטערן, זײַן פאָטער איז געווען אַ לערער פון תלמוד, העברעיִש און דײַטש; זײַן מוטער, געבוירן אין ריגע, ערצויגן אין ווילנע, האָט ביזן טויט אין טיפן עלטער קיין אַנדער שפּראַך אויסער יידיש ניט פאַרשטאַנען. ביז 10 יאָר באַזוכט נ׳ די יידישע שול, קומט דערנאָך אָן אין גימנאַזיע און שפּעטער אין אוניווערסיטעט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט. 1876 באַקומט ער דעם ד"ר-דיפּלאָם און 1880 באַזעצט ער זיך אין פּאַריז, וווּ ער פאַרנעמט זיך מיט מעדיצינישער



פּראַקטיק, ספּעציעל מיט נערוון- און פּסיכיש-קראַנקהייטן. ער פאַרבלײַבט דאָרט דאָס גאַנצע לעבן, מיט אַ הפסקה פון די מלחמה-יאָרן, ווען ער איז געווען געצווונגען אַלס עסטרײַך-אונגאַרישער בירגער צו פאַרלאָזן פראַנקרײַך און איז איבערגעפאָרן קיין מאַדריד. — שוין קינדווײַז צייכנט זיך נ׳ אויס מיט זײַנע אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן, אין פריער יוגנט הייבט ער אָן צו שרײַבן לידער, נאָוועלן, און צו 14 יאָר ווערט ער אַ באַשטענדיקער מיטאַרבעטער אין אייניקע בודאַפּעשטער דײַטשע צײַטשריפטן. נאָך אַלס סטודענט מאַכט ער אַ צוויי-יאָריקע רײַזע איבער איראָפּע, וווּ ער באַקאַנט זיך מיטן לעבן פון פאַרשיידענע פעלקער. די רײַזע באַשרײַבט ער אין בוך „פון קרעמל ביז אַלהאַמבראַ". זײַן גלענצנדיקער שריפטשטעלערישער טאַלאַנט און מיטאַרבעט אין די אָנגעזעענסטע איראָפּעיִשע און אַמעריקאַנישע צײַטונגען רוקן אים גאַנץ גיך אַרויס אין די פאָדערשטע רייען פון דער וועלט-ליטעראַטור און פּרעסע. נאָר די גרעסטע פּאָפּולערקייט האָט ער צו פאַרדאַנקען די דרײַ הויפּט-ווערק זײַנע: „קאָנווענציאָנעלע ליגן", „פּאַראַדאָקסן" און „ענטאַרטונג", וווּ ער טרעט אַרויס מיט גרויס דרייסטקייט און לײַדנשאַפט קעגן אָנגענומענע פאַלשקייטן און צביעות פון דער איראָפּעיִשער קולטור און קעגן יענע, אין לעצטן פערטל פון פאָריקן יאָרהונדערט נאָך נײַע, שטרעמונגען אין ליטעראַטור און קונסט, וואָס ער האָט באַטראַכט ווי פּאַטאָלאָגישע דעגענעראַציע-ערשײַנונגען. ער איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ער האָט דערקלערט פאַר דעגענערירט טאָלסטאָיען, איבסענען, וואַגנערן און נאָך אַנדערע גרויסע קינסטלער. בשעתּם האָבן די ווערק געמאַכט אַ סענסאַציאָנעלן רושם („קאָנווענציאָנעלע ליגן", למשל, האָבן אויסגעהאַלטן 59 אויפלאַגעס) און זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן כמעט אין אַלע איראָפּעיִשע שפּראַכן. פון די אַנדערע ווערק נ׳-ס דאַרפן דערמאָנט ווערן: „די ביאָלאָגיע פון עטיק", „דער זין פון דער געשיכטע", „פון קונסט און קינסטלער", „צײַטגענאָסישע פראַנצויזן", „פּאַריז אין דער דריטער רעפּובליק". נ׳ האָט אויך געשריבן נאָוועלן, ראָמאַנען און פּיעסעס, זיי האָבן אָבער געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן קינסטלערישן ווערט. אַ גרעסערן ערפאָלג האָבן געהאַט זײַן דראַמע מיט אַ ציוניסטישער טענדענץ „ד"ר קאָהן" און די „מעשהלעך פאַר קינדער". — ניט געקוקט אויף זײַן שאַרפן קאַמף קעגן אָנגענומענע מיינונגען, אויף זײַנע אין פלוג זייער פּאַראַדאָקסאַלע אָנשווינגען, איז דאָך נ׳ תמיד געגאַנגען דעם גראַדן וועג פון דער גלײַכער באַלעבאַטישער סברה, געפירט פון שטרענג ראַציאָנאַליסטישן שכל-הישר, וואָס נעמט די טיפע און קאָמפּליצירטע פּראָצעסן און ערשײַנונגען און פאַראײַנפאַכט זיי ביז גאָר, מאַכט זיי גלאַט און פלאַטשיק. בײַ זײַן גאַנצן שאַרפזין און גײַסטרײַכקייט, האָט ער דאָך מער געשוועבט אויפן אויבערפלאַך איידער אַרײַנגעדרונגען אין די טיפעניש פון לעבן און דענקען.

הגם נ׳ האָט קינדווײַז באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע ערציִונג, האָט ער דאָך שוין פון די יונגע יאָרן אָן אינגאַנצן דערווײַטערט זיך פון יידן און זיך כלל ניט אינטערעסירט מיטן יידישן גורל, אָבער די אַנטיסעמיטישע ווייוונגען אין פראַנקרײַך אין די 90-ער יאָרן, דער עיקר דער דרייפוס-פּראָצעס, האָט געצוווּנגען אים זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער ספּעציפישער יידישער לאַגע. אונטער דער ווירקונג פון ד"ר הערצל און זײַן „יידנשטאַט" שליסט ער זיך אָן אָן דער נײַער ציוניסטישער באַוועגונג. אַדאַנק זײַן זעלטענעם רעדנערישן טאַלאַנט און גרויסן נאָמען אין דער וועלט ווערט ער דער טריבון פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן און די צווייטע

וואָס ווערט לעצטנס פיל באַנוצט אין דער דזשעז־מוזיק, אויסגעפונען פון דעם פראַנצויזישן מוזיקאַנט סאַקס.

## סטאַטיסטיק (אַלגעמיינע)

1. אַנטוויקלונג פון ס׳
2. טעאָרעטישע יסודות פון ס׳
3. מעטאָדן פון ס׳
4. גראַפישע פאָרשטעלונג אין ס׳
5. פּראָבלעמעס פון אָנגעווענדעטער ס׳

1. אַנטוויקלונג פון ס׳. די מאָדערנע ס׳ שטאַמט פון איין זייַט פון די אַמאָליקע קירכלעכע רעגיסטערס און פון אַן אַנדער זייַט פון דעם סינטעז פון דריי קענטעניש־צווייגן, וואָס זייַנען אויפגעקומען און זיך אַנטוויקלט כמעט גלייַכצייטיק, הגם אומאָפּהענגיק איינע פון די אַנדערע: די אַזוי גערופענע אַמאָליקע „סטאַטיסטיק", די פּאָליטישע אַריפמעטיק און די וואַרשיינלעכקייטס־רעכענונג. — קירכלעכע רעגיסטערס האָבן אין געוויסע צייַטן און אין געוויסע ערטער עקזיסטירט שוין אין מיטלאַלטער און האָבן זיך פאַרשפּרייט דערהויפּט זינט דער רעפאָרמאַציע. דאָס זייַנען אין אָנהויב געווען טויף־רעגיסטערס, שפּעטער זייַנען צו זיי צוגעקומען אויך חתונות־ און קבורות־רעגיסטערס. זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע זייַנען זיי אין איין לאַנד נאָך דעם אַנדערן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די הייַנטיקע ציוויל־שטאַנד־רעגיסטערס (פון חתונות, געבורטן און טויט־פאַלן). דערבייַ זייַנען איינגעפירט געוואָרן אויך *פאָלקס־ציילונגען. די רעגיסטערס פון כל המינים עפנטלעכע פאַרוואַלטונגען און אונטערנעמונגען, ווי אויך ציילונגען אויף פאַרשיידענע ספּעציעלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן (פאַבריק־ציילונגען, ציילונגען פון בהמות, וווינונגען אאַ״וו), שאַפן צוזאַמען מיט די באַפעלקערונגס־רעגיסטערס און די פאָלקס־ציילונגען די אַמטלעכע ס׳, וואָס גיט דעם וויכטיקסטן רוי־מאַטעריאַל פאַר דער מאָדערנער ס׳ פאָרשונג. — דאָס וואָרט „סטאַטיסטיק" נעמט זיך פון מיטלאַלטערלעכן לאַטייַן, ווו Status האָט באַטייַט נישט בלויז „צושטאַנד", נאָר אויך „מלוכה" („שטאַט"). ביז אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט האָט מען דער עיקר אין דייַטשלאַנד מיטן וואָרט ס׳ באַצייכנט די באַשרייַבונג פון אַ מלוכה אין פאַרשיידענע הינזיכטן: געאָגראַפיע, באַפעלקערונג, ווירטשאַפט, מלוכה־אָרדענונג, געזעצגעבונג, רעליגיע, וויסנשאַפט, ליטעראַטור, קונסט אאַ״וו. דאָס איז געווען לויט הייַנטיקע באַגריפן אַ מין פּאָליטישע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פיזישע געאָגראַפיע. אַ ציפער פלעגט מען אין דער דאָזיקער ס׳ זעלטן ווען טרעפן, אָפט מאָל פלעגן דאָרטן בכלל קיין שום צאָלן נישט זייַן. — פאַרקערט, פּאָליטישע אַריפמעטיק, וואָס איז אויפגעקומען אין 17־טן יאָרהונדערט אין ענגלאַנד, פון וואַנען זי האָט זיך אין 18־טן יאָרהונדערט פאַרשפּרייט אין אַנדערע לענדער, האָט באַשרענקט איר פאָרשונג מיט באַפעלקערונגס־ערשייַנונגען, דערהויפּט מיט דער שטאַרבלעכקייט און געבורטן. צו דעם צוועק האָט זי לכתּחילה אויסגענוצט די קירכלעכע רעגיסטערס, קלאַסיפיצירט און געציילט די רעגיסטרירטע פאַקטן און אין דעם צאָלן־מאַטעריאַל, וואָס זי האָט אויף אַזאַ אופן באַקומען, האָט זי געזוכט צו געפינען נאַטירלעכע געזעצמעסיקייטן. אַזוי האָט נאָך סוף 17־טן יאָרהונדערט דער ענגלישער אַסטראָנאָם *האַלי אויפגעשטעלט די ערשטע שטאַרבלעכקייטס־טאַבעלע לויט די רעגיסטערס פון דער ברעסלער קירך־געמיינדע. די פּאָליטישע אַריפמעטיק איז געווען די פּיאָנערין פון ס׳ פאָרשונגען איבער מאַסן־ערשייַנונגען אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און די דירעקטע איניציאַטאָרין פון דער שפּעטערדיקער *דעמאָגראַפיע. דער רוי־מאַטעריאַל, וואָס זי האָט באַאַרבעט, איז אָבער נאָך געווען אַ גאַנץ באַשרענקטער, צופעליקער און פול מיט חסרונות; קיין וויסנשאַפטלעכע ס׳ פאָרשונגס־מעטאָדן זייַנען נאָך אויך נישט געווען אויסגעאַרבעט. — אַ זיכערן וויסנשאַפטלעכן באָדן פאַר די ס׳ באַאָבאַכטונגס־ און פאָרשונגס־מעטאָדן האָט געשאַפן די וואַרשייַנלעכקייטס־רעכענונג, וואָס די התחלה אירע האָט געמאַכט, אויך אין 17־טן יאָרהונדערט, דער גרויסער פראַנצויזישער מאַטעמאַטיקער און פילאָסאָף *פּאַסקאַל. ספּעציעל דער געזעץ פון גרויסע צאָלן און די טעאָריע פון צופעליקע פעלערן האָבן מיט דער הילף פון מאַסן־באַאָבאַכטונגען געעפנט נייע האָריזאָנטן פאַר דער פאָרשונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און בכלל פון יענע ערשייַנונגען, וואָס לאָזן זיך ניט איזאָלירן. דעם סינטעז פון די דריי דיסציפּלינעם האָט פאַרווירקלעכט אין צווייטן פערטל פון 19־טן יאָרהונדערט דער בעלגישער מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָם און אַנטראָפּאָלאָג *קעטלע, וואָס האָט דערמיט געגרינדעט די מאָדערנע ס׳. זינט קעטלע און אין אַ באַדייַטנדיקער מאָס אונטער זייַן אייַנפלוס האָט די ס׳ פאָרשונג געמאַכט אומגעהייַערע פאָרשריטן. אַ ברייט פאַרצווייַגטע נעץ פון ס׳ אַמטן האָט באַדעקט אַלע ציוויליזירטע לענדער און אומעטום איז די ס׳ באַאָבאַכטונג געוואָרן גענויער און פילזייַטיקער. ס׳האָבן זיך פאַרפייַנערט און דיפערענצירט אויך די מעטאָדן צו אַנאַליזירן ס׳ דאַטן. נישט בלויז אויף דעם געביט פון באַפעלקערונגס־צושטאַנד און נאַטירלעכער באַפעלקערונגס־באַוועגונג (דעמאָגראַפיע), נאָר אויך אויף פאַרשיידענע אַנדערע מאַטעריעלע און גייַסטיקע זייַטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט די ס׳ מעטאָדע געוואָרפן פיל ליכט. איצט איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַ געביט פון געזעלשאַפטלעכן וויסן, וואָס זאָל זיך אינגאַנצן קענען באַגיין אָן ס׳. — צו גלייַכער צייַט ווערט די ס׳ מעטאָדע אַלץ מער אָנגעווענדט אויך אויף פאַרשיידענע נאַטורוויסנשאַפטלעכע געביטן, ווו איינצלנע פאַקטאָרן קענען מעכאַניש נישט ווערן איזאָלירט. שוין קעטלע אַליין האָט זי געהאַט אָנגעווענדט אויפן געביט פון ביאָלאָגיע. איצט איז זי געוואָרן אַ וויכטיקע פאָרשונגס־מעטאָדע אין געאָפיזיק, עקספּערימענטאַלער פּסיכאָלאָגיע, אַנטראָפּאָמיע, מעדיצין אד״גל. אַפילו אין דער גענויעסטער פון אַלע נאַטורוויסנשאַפטן, אין דער טעאָרעטישער פיזיק, הויבט ס׳ אָן צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע און עס פאַרשטאַרקט זיך די ריכטונג, וואָס האַלט, אַז די געזעצן פון פיזיק האָבן נאָר אַ ס׳ באַדייַטונג. אָבער באַזונדערס וויכטיק בלייַבט די ראָלע פון דער ס׳ אויף דעם סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכן געביט, מחמת די געזעלשאַפטלעכע ערשייַנונגען קענען בשום אופן נישט באַאייבאַכטעט ווערן איזאָלירט, ווי, למשל, די ערשייַנונגען פון פיזיק וכד׳.

פּראָפ׳ ל. הערש

## סילועט

**סילועט** (פראַנצ׳) — שאָטן־צייכענונג, שאָטן־בילד; דער נאָמען שטאַמט פון דעם פראַנצויזישן מיניסטער ס׳ אין 18־טן יאָרהונדערט.

## עמפּיריאָ־קריטיציזם

**עמפּיריאָ־קריטיציזם** — אַ פילאָסאָפישע ריכטונג, וואָס האַלט אינאיינעם מיט דעם *עמפּיריזם, אַז דער

איינציקער יסוד און דער מאַטעריאַל פון דער דערקענטעניש באַשטייט אין די פאַקטן פון דער ערפאַרונג. אינאיינעם מיט דעם *קריטיציזם נעמט ער אָבער די ערפאַרונגס-וועלט קריטיש. ער פאָדערט, די עמפּירישע פאַקטן זאָלן אויסגערייניקט ווערן פון אַלע צוטראַכטונגען און אַריינטראַכטונגען („אינטראָיעקציעס"), וואָס מיר טראָגן אין זיי אַריין. למשל, דער פאַקט: „דער צוקער האָט זיס געמאַכט מיין הייסן טיי" איז פאַר אונז ניט נאָר אַ קאָמבינאַציע פון אַזעלכע עלעמענטן, ווי „ווייס", „האַרט", „הייס", „זיס", „געשמאַק". מיר דענקען דערביי נאָך אַריין אַ „מאַטעריעלע סובסטאַנציע" („צוקער", „טיי") אָדער אויך אַ „גייסטיקע סובסטאַנציע" (דעם „איך"), אין וועלכע יענע עלעמענטן קומען פאָר אָדער קומען אויף. חוץ דעם דענקען מיר אויך אַריין אַ *קאַוזאַליטעט, אַן אורזאַך און ווירקונג. דער צוקער איז די אורזאַך, דער באַווירקער, דאָס „זיס-ווערן" איז זיינע אַ ווירקונג. סובסטאַנציע אָבער און קאַוזאַליטעט זיינען אין יענע עלעמענטן גופא ניטאָ. זיי זיינען אַריינטראַכטונגען. דער ע״ק מיט זיך צו באַווייזן, ווי אַזוי זיי זיינען אויפגעקומען אין דער מענטשלעכער דערקענטעניש און וואָס פאַר אַ ראָלע זיי שפּילן. ער פאָדערט אָבער, מען זאָל נעמען די וועלט אין אירע ריין-עמפּירישע עלעמענטן און אין זייער נאַטירלעכן צונויפבונד, אָן די „אינטראָיעקציעס". פון אָט דער גרונט-הנחה פליסן אַרויס וויכטיקע פועל-יוצאס פאַר כמעט אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש. אין דער נאַטור-פילאָסאָפיע געפינט דער ע״ק, אַז דער תוך פון דער וועלט באַשטייט ניט אין אַ וואָסער ס'איז „סובסטאַנציע". „מאַטעריע" און „גייסט" זיינען אין דער וועלט ניטאָ. איר תוך באַשטייט פון אַזוינע עלעמענטן, ווי קאָלירן, גערוכן, געשמאַקן, טעמפּעראַטורן, מוסקל-געפילן אא"וו, וואָס ווערן איצטער אָנגערופן *„עמפּינדונגען". יעדע זאַך און יעדער פּראָצעס איז אַ קאָמבינאַציע פון זיי. אויך דער „איך" איז אַזאַ קאָמבינאַציע. באַטראַכט מען יענע עלעמענטן אין פאַרבינדונג מיט דער „איך"-קאָמבינאַציע, באַקומט זיך די אַזוי אָנגערופענע „פּסיכישע" וועלט. אין דער *פּסיכאָלאָגיע דאַרף מען לפי דעם אָפּשאַפן דעם דואַליזם פון אַ דרויסנדיקער און אַן אינעווייניקסטער וועלט, וואָס שפּילט זיך כלומרשט אָפּ אין אַ „נשמה" אָדער אַן „איך". מען דאַרף זיך אויך אָפּזאָגן פון דער קאַוזאַלער היפּאָטעזע, אַז די „דרויסנדיקע" וועלט ווירקט אויף דעם נערוון- און מאַרך-אַפּאַראַט און רופט אין זיי אַרויס פּסיכישע געשעענישן. אין די נערוון און אין דעם מאַרך איז פאַראַן פונקט אַזוי ווייניק „פּסיכישעס", ווי אין אַ שטיקל צוקער, און אַ „נשמה" איז אַ פאַנטאַסטישער צוטראַכט. אין דער *דערקענטעניש-טעאָריע, דער עיקר דער מאַטעריאַליסטישער, דאַרף מען אָפּשאַפן די דואַליסטישע איינטיילונג אין אַ תוך-וועלט, וואָס באַשטייט נאָר פון מאַטעריעלע אַטאָמען און באַוועגונגען, און אַ ערשיינונגס-וועלט, מיט אירע קאָלירן, גערוכן, טעמפּעראַטורן וכו', וואָס איז כלומרשט אַן אָפּשפּיגלונג פון דער תוך-וועלט אין דעם נערוון- און מאַרך-אַפּאַראַט. די „עמפּינדונגען" זיינען ניט קיין אָפּשפּיגלונגען, נאָר די רעאַלע עלעמענטן פון דער איין-איינציקער וועלט גופא. דערמיט ווערט אויך אַראָפּגעוואָרפן די שאלה, צי קען מען דורך די עמפּינדונגען דערקענען דעם תוך פון דער וועלט. אָפּגערייניקט פון די צוטראַכטונגען און אַריינטראַכטונגען, זיינען זיי דער ריכטיקער תוך. „בלוי" איז ניט קיין „ערשיינונג", הינטער וועלכער עס שטייט עפּעס אַן אַנדער זאַך. בלוי איז בלוי, און עס איז ניטאָ וואָס צו זוכן עפּעס אַ הינטער-אים. אין דער וויסנשאַפט בכלל דאַרף מען אויפהערן צו יאָגן זיך נאָך קאַוזאַלע דערקלערונגען. מען דאַרף נאָר אַרויסברענגען פונקטלעכע באַשרייבונגען פון דעם שטענדיקן צונויפבונד, וואָס עקזיסטירט צווישן די רעאַלע עלעמענטן אין רוים און צייט און זען אויסצודריקן די באַשרייבונג אויף וויפיל מעגלעך אין אַ וואָס איינפאַכערער מאַטעמאַטישער פאָרמולע. פאַר דער אַלגעמיינער וויסנשאַפטלעכער פילאָסאָפיע בכלל שלאָגט דער ע״ק פאָר די אויסאַרבעטונג פון אַ „וועלט-באַגריף" אויף דעם סמך פון די פינקטלעך באַשריבענע פאַקטן. אויך דער „וועלט-באַגריף" דאַרף זיך האַלטן פריי פון וועלכע עס איז היפּאָטעטישע אַריינטראַכטונגען און צוטראַכטונגען ווי „גאָט", „וועלט-נשמה", „וועלט-מאַטעריע", „נאַטורגעזעצן" וכו'. מען דאַרף „דענקען די וועלט לויט דעם פּרינציפּ פון דער קלענסטער קראַפט-מאָס". — דער ע״ק איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער עיקר פון *ריכאַרד אַווענאַריוס, *ערנסט מאַך און אַנדערע אין דייטשלאַנד און ענגלאַנד. זיין גרעסטע ווירקונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער מאָדערנער נאַטור-וויסנשאַפט, דער עיקר אין איינשטיינס *רעלאַטיוויטעטס-טעאָריע.

די הויפּט-שריפטן פון ע״ק זיינען: Richard Avenarius: „Philosophie als Denken der Welt, gemaess dem Princip des kleinsten Kraftmasses“ (1876), „Kritik der reinen Erfahrung“ (1880 u. 1890), „Der menschliche Weltbegriff“; Ernst Mach: „Beitraege zur Analyse der Empfindungen“ (1886), „Populaerwissenschaftliche Vorlesungen“ (1896), „Wahrheit und Irrtum“.

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי

**עספּעראַנטאָ** — שטאַרקסטע פון אַלע ביז איצט פאָרגעלייגטע *וועלט-שפּראַכן, געשאַפן 1887 דורך ד״ר *ל. זאַמענהאָף. דער לעקסיקאָן איז געבויט דערהויפּט אויפן שותּפישן ווערטער-אוצר פון די ראָמאַנישע שפּראַכן און ענגליש. די וואָרטבילדונג נוצט זייער פיל פּרעפיקסן און סופיקסן: granda גרויס, malgranda קליין; patro פאָטער, patrino מוטער. די גאַנצע גראַמאַטיק האָט 16 כללים, אָן אַ יוצא מן הכלל: אַלע זאַכווערטער ענדיקן זיך אויף o, אַלע בייווערטער אויף a אאַ״וו. — הויפּט-אָרגאַניזאַציעס: אוניווערסאַלע עספּעראַנטאָ-אַסאָציאַציע UEA („נייטראַל", פאַקטיש בירגערלעך, צענטער זשענעווע, האָט באַפולמעכטיקטע „דעלעגאַטן", אין העכער 2000 פּונקטן); אַנאַציאָנאַלע אַלוועלטלעכע אַסאָציאַציע SAT (סאָציאַליסטיש, צענטער פּאַריז); פאַרבאַנד פון די עספּעראַנטיסטן פון די ראָוועטישע רעפּובליקן SEU (מאָסקווע).

זאַמענהאָפס גרונד-בראָשור, יידיש 1888; ד״ר גאָלדבורט: „די אינטערנאַציאָנאַלע הילפסשפּראַך עספּעראַנטאָ", ווילנע 1931; מ. ווײַנרײַך: „אַ וועלט-שפּראַך? און וואָסערע?", ייוואָ-בלעטער 3 (1932), 2.

ד״ר מ. ווײַנרײַך

**עפּידערמיס** (גריכ') — די אויבערשטע דינע שיכט פון דער הויט.

**עקס רעי** (ענגל') — רענטגען-שטראַלן. וערט געברויכט אין אַמעריקאַנער יידיש.

**ערפורטער פּראָגראַם** — די פּראָגראַם, וואָס די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט אָנגענומען אויף איר צוזאַמענפאָר אין דער שטאָט ערפורט אין 1891. דאָס איז געווען דער ערשטער אָפענער, ניט-געהיימער צוזאַמענ-

פאַר נאָכן „סאָציאַליסטן־געזעץ", וואָס דורך אים האָט ביסמאַרק פאַרבאָטן די דײַטשע ס"ד איין אַ לענגערער צײַט (1878—1890) אין אַ אומלעגאַלער, פאַרבאָטענער פּאַרטיי. אין דער ע'פּ' האָט די דײַטשע פּאַרטיי אָנגעשטעלט אויס געדריקט איר דעמאָקראַטיש־מאַרקסיסטישע וועלט־אָנשויונג און פאָרמולירט די פּאָליטישע און סאָציאַלע פאָדערונגען (פּראָגראַם־מינימום), וואָס די קלאַסנבאַוווסטע אַרבעטער דאַרפן אַרויסשטעלן אין אַזאַ מין נישט־דעמאָקראַטישער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, ווי דאָס קייזערלעכע דײַטשלאַנד. אין דעם אַלגעמיין טעאָרעטישן אַרײַנפיר פון דער ע'פּ' ווערט לויט דעם אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיסטישן נוסח געשילדערט דער גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטיש־אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג אין דער גאַנצער וועלט, וואָס ברענגט אימעטום צו דער פּראָלעטאַריזירונג פון די ברייטע מאַסן און קאָנצענטרירט די פּראָדוציר־מיטלען פון דער געזעלשאַפט אַלץ מער אין די הענט פון אַ קלענער מינדערהייט קאַפּיטאַליסטן, באַנקירן, רײַכע פּריצים. דערבײַ ווערט די שנעל־וואַקסנדיקע אינדוסטריעלע פּראָדוקציע אַלץ מער באַהערשט דורך די ריזיקע גרויסע אונטערנעמונגען, וואָס שטופּן אַרויס מיט דעם כּוח פון אַ „נאַטור־געזעץ" די קליינע פאַבריקלעך און װאַרשטאַטן. די פּראָדוקטיווע כּוחות פון דער געזעלשאַפט האַלטן אין איין וואַקסן, אָבער עס וואַקסט צוזאַמען מיט דעם געוואַלדיק די צאָל אינדוסטריעלע אַרבעטער, וואָס האָבן נישט קיין אייגענע פּראָדוציר־מיטלען, ווי אויך די צאָל פון פּראָלעטאַריער, וואָס קענען אַפילו קיין אַרבעט נישט קריגן. דער פּראָגרעס פון טעכניק און אינדוסטריע ווערט דאָס רובֿ אויסגענוצט פון די קאַפּיטאַליסטן, פאַר די אַרבעטער אין קליינע מענטשן שאַפט זיך אַלץ מער אַ צושטאַנד פון עלנט, עקאָנאָמישער אומזיכערקייט, קנעכטשאַפט, עקספּלואַטאַציע. די קעגנזאַצן צווישן די עקספּלואַטאַטאָרן און די עקספּלואַטירטע ווערן אַלץ גרעסער, די סאָציאַלע קלאַסנקאַמפן אַלץ שאַרפער. די דאָזיקע קאַמפן קענען זיך נאָר ענדיקן, ווען עס וועט באַזײַטיקט ווערן די עיקר־צרה פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — דאָס פּריוואַט־אייגנטום אויף פּראָדוציר־מיטלען. נאָר דער איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליסטישן פּריוואַט־אייגנטום צו געזעלשאַפטלעכן אייגנטום אויף אַלע פּראָדוציר־מיטלען און פון פּריוואַט־פּראָדוקציע צו סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע וועט מאַכן אַ סוף צו די לײַדן פון דער מענטשהייט און וועט באַפרײַען די אונטערדריקטע קלאַסן. די דאָזיקע סאָציאַליסטישע איבערקערעניש וועט אָבער באַפרײַען נישט נאָר דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך די גאַנצע מענטשהייט, וואָס לײַדט אין דער הײַנטיקער אָרדענונג. אָבער דורכפירן די איבערקערעניש קען נאָר דער אַרבעטער־קלאַס. אָנווײַזנדיק צום שלוס, אַז די סאָציאַלע באַפרײַונג איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע אויפגאַבע, וואָס מוז זײַן דער אויפטו פון די אַרבעטער אין אַלע קולטור־לענדער, פאַרענדיקט דער פּרינציפּיעלער טייל פון דער ע'פּ' מיט דער דערקלערונג, אַז די דײַטשע ס"ד פּאַרטיי „קעמפט נישט פאַר נײַע קלאַסן־פּריווילעגיעס און באַזונדערע רעכט, נאָר פאַר אָפּשאַפן יעדע קלאַסן־הערשאַפט און די קלאַסן גופא, פאַר גלײַכע רעכט און גלײַכע פליכטן פאַר אַלע מענטשן אָן אונטערשייד פון געשלעכט און אָפּשטאַמונג". — אין הסכּם מיט אָט דער קאָנסעקווענט־דעמאָקראַטישער אײַנשטעלונג פאָדערט דער פּאָליטישער טייל פון ע'פּ' די אײַנפירונג פון פולשטענדיקער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע אויפן יסוד פון אַלגעמיינעם אאַ"וו וואַלרעכט, מיט פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטיילונג פון שטימען, דעמאָקראַטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג פון אונטן ביז אויבן, אָפּשאַפונג פון יעדער אומגלײַכקייט אין געזעצן בנוגע צו געשלעכט, רעליגיע, ראַסע, אָפּשטאַמונג אאַ"וו, פולשטענדיקע פרײַהייט פון וואָרט, פּרעסע, פאַרזאַמלונג, אָרגאַניזאַציע אאַ"וו; אויסער דעם סאָציאַל־יורידיקע שטײַערן, אַ דעמאָקראַטישע יוסטיץ, ספּעציעלע געזעצן צו שיצן די אַרבעטער אין דער פאַבריק, פאַרבאָט פון קינדער־אַרבעט און נאַכט־אַרבעט, אַן 8־שעהדיקן אַרבעט־טאָג אאַ"וו. — די ע'פּ' איז אויספירלעך באַגרינדעט און דערקלערט געוואָרן אין אַ באַזונדערער בראָשור פון *קאַרל קאַוטסקי: „די ע'פּ'", וואָס איז אַרויס אין 1892 און האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג נישט בלויז אין דײַטשלאַנד, נאָר איז געוואָרן איינס פון די שטאַרקסטע פּראָפּאַגאַנדע־ווערק פאַר דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די יאָרן פאַרן קריג. די ע'פּ' איז נאָך דער מלחמה פאַרביטן געוואָרן דורך אַנדערע, מער צוגעפּאַסטע צו דער נײַער לאַגע אין דײַטשלאַנד, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, ווו ס'זײַנען פאַרווירקלעכט געוואָרן כּמעט אַלע פּאָליטישע פאָדערונגען פון דער ע'פּ'. אָבער אויך טעאָרעטיש אונטערשיידט זיך די נײַע פּראָגראַם פון דער דײַטשער ס"ד (הײדעלבערגער פּראָגראַם) זייער שטאַרק פון דער ע'פּ'. קאַוטסקיס פּירוש צו דער ע'פּ' איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן, ווי אויך אויף יאַפּאַניש אד"גל.

אויף יידיש איז די איבערזעצונג פון ע' פּ' און קאַוטסקיס בראָשור אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם „אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד" אין זשענעווע 1899, איבערגעדרוקט אין ווילנע 1905 און 1906; ק. קאַוטסקי: „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און איר פּראָגראַם" (ספּעציעל ז. 1—53), בערלין 1922 (איבערגעזעצט אויף אַ סך שפּראַכן). ר. אַ.

**פסח־אינזל** — אָדער ראַפּאַנוי, קליינע אינזל אין פּאַציפישן ים (טשילי) אין דער פּאָלינעזישער גרופּע. באַרימט געוואָרן דורך די מערקווירדיקע ריזיקע שטיין־בילדער, וואָס געפינען זיך אויף אים און וואָס זייער אָפּשטאַמונג און די שריפט אויף זיי האָט זיך דער וויסנשאַפט ביז איצט נאָך נישט אײַנגעגעבן אַפילו אויפצוקלערן.



## פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען

1. געשיכטע אין פאַרשיידענע לענדער
2. סטאַטיסטיק און אָרגאַניזאַציע
3. אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון פּ' פ'
4. נאַציאָנאַלע פראַגע אין פּ' פ'

4. נאַציאָנאַלע פראַגע אין פּ' פ'. דער געביט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג איז די ספערע פון רייןווירטשאַפטלעכע אינטערעסן, וואָס צעטיילט די מאָדערנע געזעלשאַפט נישט לויט דעם נאַציאָנאַלן, נאָר לויט דעם סאָציאַלן קלאַסן־מאָמענט. די הערשנדיקע טעאָריע פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג האַלט אַבן, אַז דער קאַמף פון די פּ' פ' פאַר די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אַרבעטער דאַרף זיך פירן געמיינזאַם פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע פעלקער אין יעדן לאַנד. די טעאָריע און פּראַקטיק פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פאָדערט דעריבער צענטראַליזם און אָרגאַניזאַציע

האַנטווערקער איז אויסגעשטאַנען רדיפות פון דעם קריסט־לעכן צ׳. דאָס איז געווען די פּאָליטיק פון מיטלאַלטער־לעכן צ׳. — ווי דער קריסטלעכער צ׳ האָט באַדאַרפט סאַנק־ציאָנירט ווערן פון דעם שטאָטישן מאַגיסטראַט, אַזוי האָט אויך דער יידישער זיך גענויטיקט אין אַ סאַנקציע פון קהל. ווי עס ווייזט אויס, האָט קהל זיך אפילו שטאַרק אַריינגעלייגט אין דעם ענין פון שאַפן יידישע צ׳. קהל פלעגט פּאַרטיי־דיקן יידישע האַנטווערקער אין זייער קאַמף מיט נישט־יידישע צ׳ אין דעם פּעריאָד, ווען ס׳זיינען נאָך ניט געווען קיין יידישע צ׳. אָבער אין משך פון דער צייט איז ער געוואָרן אַן אומגע־וווּנשטער אַפּוטרופּוס זייערער און אַפילו אַ געגנער, מיט וועמען די צ׳ האָבן געפירט אַ ביטערן קאַמף. ס׳איז שפּעטער געקומען אַזוי ווייט, אַז אין אַ סך ערטער האָט קהל פאַר־יוערט די צ׳־גבאים צו באַשטימען נייע תקנות אָדער קליַיבן געלט לטובת דעם צ׳ אָן דעם הסכם פון עלטסטע פון קהל. אין דער פאַרוואַלטונג פלעגט אַריינגיין אַ פאַרטרעטער פון קהל. אין די ליטווישע קהילות איז אַ העלפט פון די צ׳־פאַרוואַלטונגען באַשטאַנען פון קהלישע עלטסטע. די באַ־ציִונגען צווישן קהל און צ׳ האָבן זיך אין 18־טן יאָרהונדערט שאַרף צוגעשפּיצט. מיט דער צייט איז קהל געוואָרן אַ פאַרטרעטער פון עטלעכע נגידיש־גבירישע פאַמיליעס און פלעגט אָפּהיטן נאָר זייערע אינטערעסן. די מאַסע האַנט־ווערקער און קליינהענדלער האָט ניט געהאַט קיין שום דעה אין קהלישע ענינים. קהל האָט געוועלטיקט איבער איר, אַרויסגעפּרעסט אַלץ מער נייע שטייַערן. ס׳האָט געמוזט קו־מען צו קאָנפליקטן צווישן קהל און צ׳, פּונקט אַזוי ווי אין דער אַלגעמיינער מיטלאַלטערלעכער האַנטווערקער־געשיכטע זיינען פאָרגעקומען קאָנפליקטן צווישן שטאָטישע מאַגי־סטראַטן און צ׳. מיר ווייסן וועגן אַזוינע קאָנפליקטן אין דובנע, מינסק און קיידאַן. — וועגן די סאָציאַלע באַציִונגען אין צ׳ גופא, ד״ה ייענע די באַציִונגען צווישן די מייַסטערס פון איין זייט און די פּיִלים און לערנייִנגלעך פון דער אַנדער זייט האָבן מיר איצט אויך נאָך ווייניק היסטאָרישן מאַטעריאַל. ס׳איז ניט געמאָלט, אַז די באַציִונגען זאָלן געווען זיין גאַנץ פרידלעך, אַז ס׳האָבן געהערשט פּאַטריאַרכאַלע פאַרהעלטע־ניסן. מ׳קען זיך מישער זיין, אַז ס׳זיינען געווען פּרוּוון צו אָר־גאַניזירן באַזונדערע געזעל־חברות אויף צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די געזעלן קעגן די מייַסטערס, ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד, אַזוי למשל, 1841 אין מינסק. — כמעט אין יעדן יידיש שטעטל איז געווען אַ צ׳ אָדער אַמאָל צוויי און דריי. אין אַזוינע קהילות, ווי בראָד, ווילנע, לעמבערג, לובלין אאַ״וו, זיינען געווען עט־לעכע צ׳. יעדער פאַך האָט געהאַט זיין צ׳, זיין שול אָדער אַ פּאָליש, אַ באַזונדערן טיש אין בית־מדרש אָדער לכל הפחות אַן הענגלייַכטער, וואָס צ׳־לייַט פלעגן אָנצינדן שבת און יום־טוב. דער צ׳ איז אויך געווען צוזאַמענגעבונדן דורך רעליגיעזע, סאָציאַל־עטישע און פּערזענלעכע באַציִונגען פון זיינע מיטגלידער. — די נייע ווירטשאַפטלעכע און געזעל־שאַפטלעכע באַדינגונגען אין רוסלאַנד, עסטרייַך און פּרייסן (ייאָס צווישן זיי איז די פּויליש־ליטווישע מלוכה צעטיילט געוואָרן סוף 18־טן יאָרהונדערט) האָבן גורם געווען, אַז די צ׳ זאָלן פאַרלירן זייער היסטאָרישן כאַראַקטער ווי אַ ווירט־שאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון יידישע האַנטווערקער.

ד״ר מ. ווישניצער: „יידישע בעל־מלאכה־צעכן אין פּוילן און ליטע“ (בערלין, כלל־פאַרלאַג 1922); דער זעלבער: „דער פּנקס פון קיידאַנער בעל־מלאכה־צעך“ אין „בלעטער פאַר יידישע דעמאָ־גראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק“, 1925, נומ. 5; דער זעלבער: „די סטרוקטור פון יידישע צעכן אין פּוילן, ליטע און ווייַסרוסלאַנד אין 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט“ אין „צייטשריפט פאַר יידישע געשיכטע, דעמאָגראַפיע און עקאָנאָמיק“, מינסק 1928, באַנד 2—3; פּראָפ׳ מ. שאָר: „די אָרגאַניזאַציע פון יידן אין פּוילן“ (פּויליש) 1899; פּראָפ׳ מ. באַלאַ־באַן — זיינע מאָנאָגראַפיעס וועגן געשיכטע פון יידן אין לעמבערג און אין קראָקע.

ד״ר מ. ווישניצער

**קאַווע** — אַ געטראַנק, וואָס מען מאַכט פון די זוימען פון ק׳־בוים. דער בוים, ווי אויך זיין אַראַבישער נאָמען (קאַהוואַ), שטאַמען פון מזרח־אַפריקע (אַביסיניע). ער האָט לעדערנע בלעטער, ווייַסע בלומען מיט אַן אַנגענעמען גערוך, זיינע פרוכטן זעען אויס ווי קאַרשן. אין יעדער פרוכט געפינען זיך צוויי יאָדרעס און אין דער יאָדרע געפינט זיך דער האַר־טער זוימען, וואָס זעט אויס ווי אַ בעבל (ק׳־באָב). געוויסע סאָרטן האָבן נאָר איין יאָדרע, וואָס האָט אַ קייַלעכדיקע פאָרם (פּערל־ק׳). די גרינע ק׳־באָבן ווערן געדרייניקט, גע־




a — אַ צווייַג פון קאַווע־בוים מיט בלעטער און בלומען. b — אַ צווייַגל מיט די פרוכטן. c — אַ האַלב־אויפגעשניטענע פרוכט מיט די יאָדרעס. d — אַ קאַווע־באָב.

טריקנט און סאָרטירט. פאַרן קאָכן ווערן זיי געבּרענט אין באַזונדערע מאַשינעס אָדער אויף בלעכן ביז זיי ווערן גאַנץ טונקל־ברוין און דערנאָך געמאָלן אין באַזונדערע מילן. — די רויע ק׳־באָבן האַלטן 5% גאַרב־זווערס, צוקער, אייווייַס און דער עיקר 1%—2 * קאָפעין און אַ רויע אַראָמאַטישע עפיר־אייל. די געמיינזאַמע ווירקונג פון קאָפעין און די אַראָ־מאַטישע שטאָפן אויף דער נערוון־סיסטעם פון מענטשן איז אַ דערפרישנדיקע און באַלעבנדיקע. דערין ליגט די סיבה פון דער אומגעהייַערער פאַרשפּרייטונג פון ק׳ אין דער קול־טורעלער מענטשהייט, וואָס נויטיקט זיך אין אַ רייז־מיטל פאַר די מידע נערוון. צופיל ק׳ ווירקט אָבער שעדלעך אויף די נערוון און דעם האַרץ. עס ווערן צוגעגרייט סאָרטן ק׳, וואָס האַלטן נאָר ווייניק קאָפעין (ק׳־האַג, סענקע אאַ״וו). — די מאָדע פון טרינקען ק׳ איז איבערגענומען געוואָרן פון די אַראַבער (ק׳־מאָקאַ) און האָט זיך באַוויזן אין אייראָפּע סוף 17־טן יאָרהונדערט. זי האָט זיך זייער גיך פאַרשפּרייט. איצט איז דער פאַרברויך פון ק׳ געוואָרן אַ מאַסן־ערשייַנונג און האָט זיך אין אייניקע לענדער פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלקס־געטראַנק. 1928 איז פאַרברויכט געוואָרן, למשל, אין דענע־מאַרק 7,5 קילאָגראַם אויף יעדן אייַנוווינער, אין די פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע — 5,4, אין דייַטשלאַנד — 2,1 און אין ענגלאַנד ס״ה 0,4. ק׳ איז געוואָרן אַ וויכטיקער אַר־טיקל פון וועלט־האַנדל. — וואָס מער מ׳האָט פאַר־ברויכט ק׳, אַלץ מער האָבן אַנדערע טראָפּישע לענדער מיט אַ צוגעפּאַסטן וואַרעמען און פייַכטן קלימאַט אָנגעהויבן צו קולטיווירן ק׳־ביימער. איצט געפינען זיך די גרעסטע פּלאַנטאַציעס פון ק׳ ניט אין די היים־לענדער פון ק׳ (אַביסי־

ניע, אַראַביע), נאָר אין וועסט־אינדיע (קובאַ, פּאָרטאָריקאָ, האַיטי), האָלענדיש־אָסט־אינדיע (יאַוואַ, סומאַטראַ, צעלע־בעס), מיטל־אַמעריקע (גוואַטעמאַלע, קאָסטאַריקאַ, סאַלוואַ־דער, מעקסיקע, ניקאַראַגואַ) און דרום־אַמעריקע (בראַזיליע, ווענעצועלע, קאָלומביע). און דווקא אין די דאָזיקע לענדער ווערן פּראָדוצירט די בעסטע סאָרטן (אינגאַנצן רעכנען זיך 40—50 פאַרשיידענע מינים ק'). צוליב דער אומגעהײַער גרוי־סער פּראָדוקציע זײַנען שטאַרק געפאַלן די פּרײַזן (אין 1897—1902 ביז אַ דריטל), דעריבער האָט * ב ר אַ ז י ל י ע אַלס דער גרעסטער פּראָדוצירער אײַנגעפירט בײַ זיך אַ




די יאָריקע וועלט־פּראָדוקציע פון קאַווע אין 1928—1929 (אין 1000 טאָן).

באַזונדערע „וואַלאָריזירונגס־סיסטעם", כדי צו האַלטן די פּרײַזן. דער לעצטער קריזיס האָט אָבער געשאַפן אַ קאַטאַ־סטראָפאַלע לאַגע אויך אין דעם וועלט־האַנדל מיט ק', אַזוי אַז אין בראַזיליע ווערן די ביליקערע און שלעכטערע סאָרטן באַנוצט אַפילו אַלס ה י י ץ ־ מ אַ ט ע ר י אַ ל פאַר לאָקאָ־מאָטיוון וכד'.

**קאַנטאָניסטן** — מינדעריאָריקע רעקרוטן; באַשטימט אין רוסלאַנד אָנהויב 18־טן יאָרהונדערט פאַר זין פון סאָל־דאַטן מיטן צוועק פון מיליטערישער אויסבילדונג. בעת צאַר ניקאָלאַי I האָט 1827 אײַנגעפירט די רעקרוטן־פליכט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, איז אויך אַרײַנגעשטעלט גע־וואָרן אַ פּונקט וועגן ק': „מינדעריאָריקע קינדער יידן, ד"ה ביז 18 יאָר, ווערן אַרײַנגעגעבן אין ספּעציעלע אַנשטאַלטן אויף צוגרייטן זיי צום מיליטער־דינסט". דער געזעץ וועגן ק' איז געוואָרן איינע פון די שרעקלעכסטע גזירות אויף די רו־סישע יידן, וואָס האָט געדויערט ביז 1856, ווען ער איז אָפּגעשאַפט געוואָרן פון אַלעקסאַנדער II. קינדער פון 12 יאָר אָן, און געוויינלעך פון 8 און אַפילו פריִער, פלעגט מען מיט געוואַלד אָפּרײַסן פון די עלטערן, אָפּגעבן פאַר רע־קרוטן און אָפּשיקן אויף מיליטער־צוגרייטונג אין די ווײַטסטע געגנטן פון רוסלאַנד, אַפילו אין סיביר. דער מיליטער־דינסט, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער שטרענג און האָט געדויערט 25 יאָר, פלעגט זיי פאַררעכנט ווערן ערשט פון 18 יאָר אָן, אַזוי אַז די ק' פלעגן פאַקטיש אויפן גאַנצן לעבן אָפּגעריסן ווערן פון דער היים. דער ציִעק פון דער גזירה איז געווען „אויסבעסערן" די יידישע קינדער, איזאָלירן פון דער יידישער סביבה, רוסיפיצירן און דערפירן צו שמד. די דאָזיקע רוין־

מיסיאָנערישע צוועקן זײַנען געוואָרן באַזונדערס בולט אין 1843, בעת ניקאָלאַי I האָט אָפּגעגעבן אַ געהיימע פאַראָר־דענונג „צוטרעטן שמדן די יידישע קינדער, וואָס געפינען זיך אין די מיליטערישע אַנשטאַלטן, דורך צופאַרלאָזיקע גלחים". דעם שמד האָט מען אָנגעווענדט מיט צוואַנג, דורך שרעקלעכע רדיפות און פיזישע ענויים (ריטער־שמײַן, אויס־הונגערן, שטערן דעם שלאָף, האַלטן אויפן פראָסט אד"גל). אַ גרויסער טייל פון די קינדער האָט ניט אויסגעהאַלטן און איז אויסגעשטאָרבן פון הונגער, קעלט און פּיין אין וועג און אין די קאַזאַרמעס, אַ טייל האָט זיך געלאָזט אָפּשמדן, איינ־קע נאָר לפנים, איניקע פון די קינדער־מאַרטירער זײַנען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל איז אויסגעשטאַנען און געבליבן בײַ דער יידישער אמונה. די צאָל יידישע ק' איז ניט באַקאַנט; בלויז אין אַ טייל ק'־באַ־טאַליאָנען זײַנען פאַר די יאָרן 1846—1854 פאַררעגיסטרירט געוואָרן איבער 14.000 יידישע קינדער, כמעט די העלפט פון זיי איז געווען געטויפט. לויט איניקע ידיעות (ד"ר זאַמטער) זײַנען פאַר די יאָרן 1843—1856 אַריבער צו „פּראַוואָסלאַוויע" (גריכיש־אָרטאָדאָקסישער גלויבן) בײַ 27.000 יידן, כמעט אַלע פון די ק'. די גזירה פון ק' איז אינגאַנצן געפאַלן אויף די סאַמע אָרעמסטע שיכטן; גילדיע־סוחרים זײַנען בכלל געווען פרײַ פון מיליטער־דינסט, די רײַכע האָבן זיך געקענט אויסקויפן. צושטעלן די רעקרוטן און ק' האָבן באַדאַרפט די קהלס „קאַגאַלן"), און די פאַרמעגלעכע פירער אין די קהילות האָבן דורך פאַרשיידענע מיסברויכן די לאַסט אַריבער־געלייגט אויף די אָרעמע עלעמענטן. די גזירה פון ק' האָט אָנגענומען שרעקלעכע פאָרמעס אין 1853, בעת מ'האָט דער־לויבט די קהלס און אַפילו פּריוואַטע פּערזאָנען אָפּגעבן פאַר רעקרוטן יעדערן, וואָס האָט ניט געהאַט קיין פּאַס; אַזעלכע זײַנען געווען דער עיקר צווישן די אָרעמע. דאָס איז די צײַט פון די אַזוי גערופענע „פאָימאַניקעס". אין די יידישע שטעטלעך האָבן ספּעציעלע יידישע „כאַפּערס" אָדער „לאָוועטשיקעס", אײַנגען פון קהל, זיך געיאָגט נאָך אָרעמע קינדער, אָפּט איין־אייניקע, געכאַפּט, אַרויסגעגנבעט, כדי אַזוי אַרום צו פאַרפולן די פעלנדיקע צאָל רעקרוטן, וואָס קהל איז מחויב געווען צו־שטעלן דער רעגירונג. די טראַגישע תקופה פון ק' און באַ־זונדערס די צײַט פון „פאָימאַניקעס" און „כאַפּערס" האָט זיך טיף אײַנגעקריצט אין פאָלקס־זכרון און האָט אויך געפונען איר אויסדרוק אין די פאָלקס־לידער, ווי צוגלײַך מיטן פאָ־ליטישן פּראָטעסט קעגן דער גזירה דריקט זיך אויס אַ סאָ־ציאַלער פּראָטעסט פון די אָרעמע קעגן די רעדלפירער פון די קהילות. די תקופה האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין דער יידישער, העברעיִשער און רוסיש־יידישער ליטעראַטור: י. ב. לעווינזאָן — „די הפקר וועלט", מענדעלע מו"ס — „ווינש־פינגערל", בן־עמי — „דער בן יחיד", גאָרדאָן — „העצמות היבשות", באָגראָוו — „פאָימאַניק", ניקיטין (אַליין אַ געווע־זענער ק') א"א. פאַרגלײַך אויך דאָס ליד פונם דײַטשן דיכ־טער לודוויג וויל — „דיע בײַדען מאַטראָזען".

גינזבורג־מאַרעק: יידישע פאָלקס־לידער; ש. דובנאָוו: „נײַסטע גע־שיכטע", ב. 2 (יידיש פון שטיף); אַרטיקלען פון ש. גינזבורג אין „צו־קונפט" (נ. י.) 1924, 4 און 5 און „צײַטשריפט" (מינסק), ב. 2—3; א. טשעריקאָווער: פון די רוסישע אַרכיוון אין די „היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ", ב. 1; ח. קאָראָבקאָוו וועגן רעקרוטשינע אין „יעוור. סטאַ־רינאַ" 1913; דוד בראָדסקי וועגן ק' אין „זאַפּיסקי" פונם היסטאָריש־פילאָל. אָפּטייל בײַ דער אוקר. וויסנש. אַקאַדעמיע, ב. XII 1927 (אוקר.); זכרונות אין „יעוור. סטאַרינאַ" 1909—1915 (ביילין, איצקאָוויטש א"א) און פון פאַפּערנאָ אין „פּערעזשיטאָיע" ב. 2; Никитин: Многостра-дальцы; ד"ר זאַמסער: „יודענטויפען אים 19־טען יאַרהונדערט".

א. ט ש ע ר י ק אָ ו ו ע ר

# מאָדערנע קונסט



ווינצענט וואַן גאָג — דאָס פעלד מיט קיפּאַריסן



ווינצענט וואַן גאָג — אַ בריק



קלאָד מאָנע — קאַפּ ד׳אַנטיב



פראַנץ מאַרק — רויטע פערד



אָג׳ רענואַר — אַ מיידל לייענט



פּאָל סעזאַן — בלומען

מיט דערלויבעניש פון דער פאָטאָגראַפישער געזעלשאַפט, בערלין

**קילאָ** (גריכ׳) — טויזנט; ווערט געברויכט אין דער מעטרישער סיסטעם אויף צו באַצייכענען אַ גרעסערע מאָס (אָדער געוויכט), וואָס האַלט טויזנט קלענערע איינהייטן: קילאָגראַם — 1000 גראַם; קילאָמעטער — 1000 מעטער.

**קרעדיט־קאָאָפעראַציע:** יידישע קרעדיט־קאָאָפעראַציע אין פוילן. די ערשטע פרווון פון סנײַ אויפצובויען יידישע געזעלשאַפטלעכע קרעדיט־אינסטיטוציעס אין פוילן, וואָס זײַנען חרוב געוואָרן בעת דער וועלט־מלחמה, האָבן זיך אָנגעהויבן שוין אין 1920—1919. אַן אָרגאַניזירטע פאָרם האָט די באַוועגונג אָנגענומען ערשט אין 1921, ווען ס׳זײַנען אויפגעקומען צענטראַלע אָנפירנדיקע קערפערשאַפטן (די צענטראַלע יידישע קאָאָפעראַטיווע פאָלקסבאַנק אין ווילנע; דער פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפעראַטיווע געזעלשאַפטן אין וואַרשע, וואָס האָט אין דעצעמבער 1922 באַקומען פון דער מלוכה רעוויזיע־רעכט). צו דער פאָרגעשיכטע פון דער ייד׳ קאָאָפעראַטיווער באַוועגונג אין פוילן געהערט דער פרווו פון * „דזשאָינט דיסטריביוּשן קאָמיטע“ צו שאַפן אַ צענטראַלע אַקציע־באַנק מיט אַ קאַפיטאַל פון אַ מיליאָן דאָלאַר (ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן), ווי אויך דאָס אָרגאַניזירן אין 1922 רעגיאָנאַלע בענק (קק״ס) אין וואַרשע און ביאַליסטאָק (אַן ענלעכער עקספערימענט איז פריער געמאַכט געוואָרן אין לעמבערג). די קק״ס (קאַסי קרעדיטו ספולדזיעלטשעגאָ) האָבן זיך לאַנג ניט געהאַלטן. אָנשטאָט זיי האָט „דזשאָינט“ אין 1923 אָפּגעקויפט די רוסיש־פוילישע באַנק אין וואַרשע און געגרינדעט דערמיט די שפּעטערדיקע באַנק פאַר קאָאָפעראַטיוון, וואָס איז געוואָרן די פינאַנציעלע צענטראַלע פאַר דער יידישער קאָאָפעראַציע אין פוילן. „דזשאָינט“ און * „יק״א“ (יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט) האָבן ביז 1932 קאָנצענטרירט זייער טעטיקייט דורך דער דאָזיקער באַנק און דעם פאַרבאַנד, דערהויפּט פון 1924 אָן, ווען ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די „פונדיישן“ — פאַראייניקונג פון „דזשאָינט“ און „יק״א“ פאַר קרעדיט־ענינים, — וואָס פאַרמאָגט אין דער ייד׳ קאָאָפּ׳ אין פוילן אַ קאַפיטאַל בערך פון 10 מיליאָן זלאָטעס. — דער פאַרבאַנד פון די ייד׳ קאָאָפּ׳ געז׳ אין פוילן האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער אַנטוויקלט מיט אַ צענטראַלע אין וואַרשע און מיט אָפּטיילונגען (עקספּאָזיטורן) אין ווילנע (1923), לעמבערג (1926), לאָדזש (1931) און ספּעציעל פאַר די סוחרישע בענק (1931, וואַרשע). בײַ דער לעמבערגער עקספּאָזיטור איז אין 1930 אויך געגרינדעט געוואָרן אַ ראַיאָן־באַנק פאַר גאַליציע. אָנהויב 1932 זײַנען שוין געווען: אַ צענטראַלע אַקציע־באַנק אין וואַרשע, צוויי צענטראַלע ראַיאָן־בענק אין ווילנע און לעמבערג און אַ פאַרבאַנד מיט פיר עקספּאָזיטורן, וואָס רעווידירט און אינסטרויִרט 539 קרעדיט־קאָאָפעראַטיוון (487 קליין־קרעדיט־ אָדער פאָלקסבענק און 52 מיטל־קרעדיט־ אָדער סוחרים־בענק — מיטלשטאַנד־בענק) און עטלעכע און פערציק פאַרשיידענע אַנדערע מינים קאָאָפעראַטיוון (האַנטווערקער־, פּראָדוצירער־ און איינקויפס־קאָאָפעראַטיוון, לאַנדווירטשאַפטלעכע און גערטנער־קאָאָפעראַטיוון אאַ״וו). — לויטן סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן איז די יידישע קאָאָפּ׳ אין פוילן אויף 95% אַ ק׳־ק׳. פאַרשיידענע פרוון פון אַנדערע מינים ק׳ האָבן זיך אָדער אינגאַנצן ניט אײַנגעגעבן אָדער זיך אײַנגעגעבן נאָר טיילווײַז. אין פוילן מוזן אַלע קאָאָפעראַטיוון געהערן צו רעוויזיאָנס־פאַרבאַנדן, בכדי צו גענִיסן פון די שטײַער־הנחות און פון דעם ליבעראַלן קאָאָפעראַטיוו־געזעץ. פון 21 רעוויזיאָנס־פאַרבאַנדן אין פוילן זײַנען דרײַ יידישע און פון די לעצטע פאַרנעמט דעם אויבנאָן דער דערמאָנטער „פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פוילן“ (זעטרעוו), וואָס האָט צום 1־טן אָקטאָבער 1931 פאַראייניקט 539 ק׳־ק׳ מיט 200.238 מיטגלידער, 19.668.071 זלאָטעס אייגענע קאַפיטאַלן און 46.806.657 זלאָטעס פקדונות. די סומע פקדונות איז אַ וואַקלדיקע, אָפּהענגיק פון דער ווירטשאַפטלעכער קאָניונקטור, קריזיסן און אָרטיקע באַדינגונגען און איז אין משך פון יאָר 1931 שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן, דערהויפּט אין קאָנגרעס־פוילן. דער פּאַי אין די קליין־קרעדיט־קאָאָפעראַטיוון איז געוויינלעך 25 זלאָטעס (אין די מיטלשטאַנד־קאָאָפעראַטיוון — 100 זלאָטעס) מיט אַ צענפאַכיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און מער. די גרעסטע הלואה איז 2000 זלאָטעס. ציגזן ווערן געוויינלעך גענומען בײַ נאָרמאַלע באַדינגונגען 12% אַ יאָר. די מיטגלידער אין די פאָלקסבענק באַשטייען פון 55,5% קליינהענדלער, 32% האַנטווערקער, 4% אָנגעשטעלטע, 2,5% ערד־אַרבעטער און 6% פאַרשיידענע. דער פאַרבאַנד האָט אויך אַן אייגענעם פאַרלאַג פאַר אַלע דרוק־זאַכן, ניט אַרויס פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן, צײַטשריפטן, ביכער מיט פּראַקטישע אָנווײַזונגען און זינט 1923 — אַן אייגענעם אָרגאַן „די קאָאָפעראַטיווע באַוועגונג“.

די איבעריקע 2 יידישע רעוויזיע־פאַרבאַנדן (דער לעמבערגער פאַרבאַנד און דער אגודישער פאַרבאַנד אין וואַרשע) האָבן צוזאַמען בײַ 200 קאָאָפעראַטיוון. דער לעמבערגער פאַרבאַנד („אַלגעמיינער קאָאָפעראַטיווער פאַרבאַנד אין לעמבערג“), וואָס האָט עקסיסטירט נאָך פאַר דער מלחמה, איז אין די לעצטע יאָרן רעאָרגאַניזירט געוואָרן, האָט אַ צענטראַל־באַנק אין לעמבערג און גיט אַרויס אויף פּויליש און יידיש אַן אייגענעם אָרגאַן. דער אגודישער פאַרבאַנד („פאַרבאַנד פון די יידישע סוחרישע קאָאָפעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פוילן“) איז געגרינדעט געוואָרן אין 1928 און באַקומען רעוויזיע־רעכט אין יולי 1929. אין 1932 האָט ער אַרויסגעגעבן דעם ערשטן סטאַטיסטישן באַריכט (אויף פּויליש) וועגן זײַן טעטיקייט פאַר 1929, ווערט אָנגעפירט פון אגודה־טוער אין פוילן. — לויט דעם ביולעטען פון מלוכישן קאָאָפעראַטיוון ראַט איז דער צושטאַנד פון די פקדונות, לויפנדיקע חשבונות און אַרויסגעגעבענע הלואות פון די דרײַ יידישע רעוויזיע־פאַרבאַנדן אויפן 1־טן אָקטאָבער 1931 געווען אַזאַ:

| | צאָל קאָאָפעראַטיוון | פקדונות | לויפנדיקע חשבונות | אַרויסגעגעבענע הלואות |
|---|---|---|---|---|
| | | אין טויזנטער זלאָטעס | | |
| פאַרבאַנד פון די ייד׳ קאָאָפּ׳ געז׳ אין פוילן . . . . . . | 539 | 46.807 | 4.228 | 73.777 |
| לעמבערגער פאַרבאַנד . . . . | 116 | 11.133 | 953 | 15.211 |
| אגודישער פאַרבאַנד . . . . | 111 | 5.720 | 416 | 6.545 |

די דרײַ פאַרבאַנדן נעמען אַרום די גאַנצע ייד׳ ק׳־ק׳ אין פוילן און אַ געוויסע צאָל קאָאָפעראַטיוון פון אַנדערע מינים.

אויסגאַבעס און חודש־זשורנאַלן פון פאַרבאַנד פון די ייד׳ קאָאָפּ׳ געז׳ ערשינען אין וואַרשע: „די קאָאָפעראַטיווע באַוועגונג“ (1932—1923) און „פאַרן פאָלק“ (1931—1928); יאָרבוך פון פאַרבאַנד־קאָאָפּ׳ (פון 1927 אָן) און סטאַטיסטישע ידיעות פון פאַרבאַנד־קאָאָפּ׳ (2 מאָל אין יאָר: אין יאַנואַר און יולי); „קאָאָפעראַטיווער לוח“ (1932—1927) און „קליינער קאָאָפעראַטיווער לוח“ (1932); ספּעציעלער נומער פון דער „קאָאָפעראַטיווער באַוועגונג“ (צום 10־יאָריקן יובילײַ פון פאַרבאַנד, יולי 1931); חודש־זשורנאַל „דער קאָאָפעראַטאָר“ און „פּשעגלאָנד ספּולדזיעלטשי“

(פויליש) פון לעמבערגער פאַרבאַנד (זינט 1929); „ספראַוואָזדאַניע״ (פויליש) פון לעמבערגער פאַרבאַנד פאַרן יאָר 1930; „ספראַוואָזדאַניע״ (פויליש) פאַרן יאָר 1929 פון אגודישן פאַרבאַנד אין וואַרשע; „די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין פוילן און די יידישע קאָאָפּעראַציע״, זאַמלבוך אונטער דער רעדאַקציע פון משה שאַליט, אויסגאַבע פון פאַרבאַנד פון די ייד׳ קאָאָפּ׳ געז׳, ווילנע 1926; פנקס פון „יעקאָפּאָ״, ווילנע 1931; דאָס בוך פון ש׳ גוטערמאַן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון קרעדיט אין פוילן (פראַנצויזיש׳ אַנטהאַלט אויך אַ ביבליאָגראַפישע רשימה)׳ פאַריז 1931.
מ׳ שאַליט

**ראַדיום** – כעמישער עלעמענט (צייכן Ra). געהערט צו די ערד־אַלקאַלי־מעטאַלן. אַטאָם־געוויכט 226, אַטאָם־נומער 88. אַנטדעקט 1898 דורכן פּאָרפּאָלק קיורי. זעט אויס אין ריינער פאָרם ווי אַ זילבער־ווייַסער מעטאַל. האָט די מערקווירדיקע מעלה אַרויסצוגעבן פון זיך געוויסע שטראַלן (*ראַדיאָאַקטיוויקיוט), צעפאַלנדיק דערבייַ (זייער לאַנגזאַם) אין אַ רייע אַנדערע ראַדיאָאַקטיווע עלעמענטן, ביז וואַנען ער פאַרוואַנדלט זיך אין בלייַ. ר׳ איז זייער אַ זעלטענער עלעמענט און געפינט זיך אין גאַנץ קליינע סכומים אין אוראַן־אַרצן (1 גראַם אין 10—200 טאָן). דער עיקר אין טשעכאָסלאָוואַקיי, אַמעריקע און אין בעלגיש־קאָנגאָ. די ר׳־שטראַלן ווירקן זייער שטאַרק אויף דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם. דעריבער באַנוצט מען לעצטנס זייער אָפט ר׳־זאַלצן (צו עטלעכע מיליגראַם אין פּלאַטין־רערן) אין דער מעדיצין צו באַשטראַלונגען בייַ פאַרשיידענע קראַנקהייטן (ר׳־טעראַפּיע). — דער גאַנצער סכום ר׳, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן ביז איצט אין דער גאַנצער וועלט, האָט ביז 1926 באַטראָפן 506 גראַם. אַ גראַם ר׳ קאָסט אַרום 50 טויזנט דאָלאַר, די רייכסטע שפּיטאָלן און אוניווערסיטעטן פאַרמאָגן ניט מער ווי עטלעכע גראַם.

**רענטגען (Roentgen)**, ווילהעלם־קאָנראַד (1845—1923) — דייַטשער פיזיקער, פּראָפעסאָר אין מינכען. באַרימט ווי אַנטדעקער פון *רענטגען־שטראַלן. 1901 נאָבעל־פּרעמיע.

**רענטגען־שטראַלן** - עלעקטראָמאַגנעטישע שטראַלן, פיזיקאַליש ענלעך צו ליכט־שטראַלן, מיט באַדייטנדיק קלענערער וועלן־לענג, ווערן אַרויסגעשטראַלט פון ר׳־



רענטגען־טרייַבל (מיט לופט־קילונג): 1) קאַטאָד, 2) אַנאָד, 3) לופט־געקילטער אַנטי־קאַטאָד.

טרייַבלעך. אַ ר׳־טרייַבל איז אַ *קאַטאָד־טרייַבל, וווּ אויף דעם וועג פון די קאַטאָד־שטראַלן איז אַוועקגעשטעלט אַ מעטאַל־פּלאַטע (אַנטי־קאַטאָד), דאָס רוב פון פּלאַטין. די ר׳־שטראַלן קען מען ניט זען דירעקט מיטן אויג, אָבער זיי פאַרשוואַרצן אַ פאָטאָגראַפישע פּלאַטע און ברענגען צום לויכטן געוויסע זאַלצן. דעריבער קען מען זיי פאַרווענדן צום פאָטאָגראַפירן אָדער צו באַקומען שאָטן־בילדער אויף עקראַנען, וואָס זייַנען באַדעקט מיט די דאָזיקע זאַלצן. די וועלן־לענג פון ר׳־שטראַלן, געמאָסטן אין הונדערט־מיליאָנסטע טיילן פון אַ מילימעטער, מאַכט אויס פון 15 ביז 1 און נאָך קלענער; זי איז אָפּהענגיק פון דעם מעטאַל פונם אַנטי־קאַטאָד און פון דער פּוסטקייט אין רענטגען־טרייַבל. די ר׳־שטראַלן צייכענען זיך אויס דורך זייער דורכדרינגפעיִקייט, זיי גייען דורך דורך אַלע שטאָפן, אַפילו דורך דינע מעטאַל־בלעכן. דערויף שטיצט זיך די ר׳־פאָטאָגראַפיע:


רענטגען־בילד פון אַ פוס (פאָטאָגראַפירט פון דער זייַט).

די ר׳־שטראַלן גייען דורך דורכן מענטשלעכן קערפּער און גיבן אויף דער פאָטאָגראַפישער פּלאַטע שאָטן־בילדער, העלערע און טונקלערע, פון די ביינער און אינעווייניקסטע אָרגאַנען. חוץ דער אָנווענדונג פון די ר׳־שטראַלן פאַר דיאַגנאָזן, פעסטשטעלן פאַרענדערונגען פון אינערלעכע אָרגאַנען, געפינען אין קערפּער קוילן, נאָדלען אָדער ברוכן אין ביינער וכדומה, נוצט מען זיי אויך אַזוי ווי ראַדיום־שטראַלן צו הייל־צוועקן, למשל, בייַ געוויסע געשווילעכצן (קרעבס אד״גל), הויט־קראַנקהייטן אא״וו. די ר׳־שטראַלן מיט אַ גרעסערער וועלן־לענג זייַנען ווייניקער דורכדרינגעוודיק און ווערן אָנגערופן ווייכע ר׳־שטראַלן אין קעגנזאַץ צו די האַרטע און מער דורכדרינגעוודיקע ר׳־שטראַלן מיט אַ קלענערער וועלן־לענג. די ר׳־שטראַלן ווערן אויך אָנגערופן איקס־שטראַלן. אַזוי האָט זיי אָנגערופן דער אַנטדעקער, וואָס האָט אויסגעפאָרשט זייערע אייגנשאַפטן, נאָר נישט באַשטימט זייער פיזיקאַלישע נאַטור. (מיט דעם אות x־איקס באַצייכנט מען אין דער מאַטעמאַטיק אומבאַקאַנטע גרייסן). דאָס האָט 1912 געטאָן דער דייַטשער געלערנטער פאָן לאַוע, וואָס האָט דורכגעלאָזן ר׳־שטראַלן דורך נאַטירלעכע קריסטאַלן און באַקומען פאָטאָגראַפיעס פון די ר׳־שטראַלן נאָך זייער בויגונג. מיט דער הילף פון קריסטאַלן קען מען צעשייַדן די ר׳־שטראַלן לויט דער וועלן־לענג און עס באַקומען זיך ספּעקטרען פון ר׳־שטראַלן. די ר׳־ספּעקטרען שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע בייַם אויספאָרשן דעם אינעווייניקסטן בוי פון שטאָפן און ווערן אָנגעווענדט אין דער טעכניק אויף אונטערזוכן די סטרוקטור פון מעטאַל און אַנדערע געגנשטאַנדן.